NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13109

# Y. L. PERETS

Isaac Leib Peretz

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



י. ל. פרץ.

# י. ל. פּרץ

## צום 20. יאָרצײַט

ארויסגעגעבן לויטן אויפטראג
פון דער ייד. שול-אָרגאַניזאַציע
אין פּוילן

„קינדער - פרײַנד", ווארשע
מאַי 1935

הילע געצייכנט פון
הירש אַלטמאַן

געזעצט ביי ה. גלאנץ, װארשע, פלאצקע 4
Druk. „Renoma", Warszawa

# יצחק לייבוש פּרץ

18. מאַי 1852 — 7. אַפּריל 1915

(ביאָגראַפיע)

דער דיכטער יצחק-לייבוש פּרץ איז געבוירן געוואָרן דעם 18-טן מאַי 1852. יאָר אין זאַמאָשטש, לובלינער געגנט. דער פאָטער, אַ גרויסער למדן און זייער אַ פרומער, האָט געגעבן זיין לייבושלען אַ טראַדיציאָנעלע דערציִונג. פּרצס פאָטער איז אָבער אויך געווען, ווי פּרץ אַליין כאַראַקטעריזירט אים, „אַ שטיקל ליבעראַל מיט היינטוועלטיקע מאַניערן". האָט ער זיך דעריבער נישט באַפרידיקט מיט דער בלויזער חדר-דערציִונג און האָט אויך צוגענומען צו לייבושלען אַ לערער אויף רוסיש, דייטש און העברעיִש.

שוין אַלס קינד האָט זיך פּרץ אויסגעצייכנט מיט זיינע אויסערגעוויינטלעכע פעיִקייטן, שאַרפן שכל, לעבעדיקייט און טעמפּעראַמענט. די אַרומיקע זענען געווען זיכער, אַז ער וועט אויסוואַקסן אַ גרויסער עילוי. צו דריי יאָר, איידער ער האָט נאָך געקענט שאַרף אַ קלאַנג אַרויסברענגען, האָט ער אָנגעהויבן לערנען חומש. זיין לעבעדיקע נאַטור האָט זיך אָבער געשטיקט אין די פינצטערע חדרים, אין וועלכע עס איז אים אויסגעקומען צו פאַרברענגען פון דער פריסטער קינדהייט אָן.

אין „מיינע זכרונות" דערציילט פּרץ, וואָס ער האָט געהאַט אויסצושטיין פון זיינע מלמדים, צווישן וועלכע עס זענען געווען אַ סאַך שלעכטע און קולטורלאָזע מענטשן. דער קליינער לייבושל פלעגט אָפּט אַריינפאַלן אין אַ מרה שחורה, זיצן גאַנצע שעהן

פאַרקלערט, פאַרטראַכט, אָדער ער פלעגט אויסלאָדן זײַן גאַנצן טעמפּעראַמענט און די דערשטיקטע לעבעדיקייט אין ווילדע שטיק, און אָפּטון די מלמדים אַזעלכע שפּיצלעך, וואָס האָבן זיי געגרייכט אין דער זיבעטער ריפּ.

ווען פרץ ווערט אַלט 12–13 יאָר קומט פאָר אַן ענדערונג אין זײַן גייסטיקן לעבן. עס הערן אים אויף צו באַפרידיקן די אַלע תורות, מיט וועלכע מען האָט ביז איצט געשטאָפּט זײַן יונג מוחל. ער הערט אויף צו גלייבן אויפן וואָרט. ער זוכט, ער וויל וויסן, ער וויל מער פאַרשטיין. ער האָט אָבער נישט קיין וועגווײַזער, וואָס זאָל אים לערנען, אויפקלערן. ער כאַפּט זיך דערי־בײַ צו פאַרשידענע רעליגיעז־פילאָזאָפישע ביכער, וועלכע צע־טומלען אים נאָך מער און צעררודערן זײַן יונגע נשמה.

שפּעטער באַקענט זיך פרץ מיט דער העברעישער ליטעראַ־טור, וועלכע ער האָט פאַרשטאַנען, אָבער נישט געפילט, און זי איז אים העכער נישט געפעלן געוואָרן. ער לערנט זיך אויס גרינטלעכע די פּוילישע, דײַטשע און פראַנצויזישע שפּראַכן, און, ווען ער קומט צופעליק אַ צוטריט צו אַ פּריוואַטער ביבליאָטעק, כאַפּט ער זיך צו מיט גרויס ברען צום לייענען די אייראָפּעישע ליטעראַטור. אויך איצט לייענט ער אָן אַ סדר, אָן געהעריקע אָנ־ווײַזונגען: ער לייענט אַלץ, וואָס קומט אים אונטער דער האַנט. ער דערוויסט זיך אַ סך זאַכן, אַנדערע זאַכן ווערן אים נישט קלאָר, ער וויל פרעגן, דורכרעדן זיך מיט עמעצן וועגן זײַנע גע־דאַנקען, איבערלעבונגען, אָבער ער האָט נישט קיינעם.

פרץ באַשליסט צו פאַרלאָזן דאָס שטעטל און אַוועקפאָרן שטודירן. זײַנער אַ באַקאַנטער לעבער רעדט אים אויך צו, און וויל אים אפילו העלפן מיט געלט אויף דער רייזע. אין לעצטן מאָמענט אָבער ציט ער זיך צוריק אויס ליבשאַפט צו דער מו־טער, וועלכע מיך בשום אופן נישט, אַז איר ליבושל, דער עילוי, זאָל אַוועקפאָרן שטודירן.

פרץ האָט שפּעטער חתונה, בלײַבט אין שטעטל און פאַר־נעמט זיך מיט אַדוואָקאַטור. אין דער פרײַער צײַט שרײַבט ער לידער אין יידיש און העברעיש. אַ סך פון די לידער זענען אין

שטעטל זאַמאָשטש געווען זייער פּאָפּולער, באַזונדערס — דאָס ליד „זאַמאָשטשער פּאָזשאַנדקעס", אין וועלכן דער שרײַבער קריטיקירט און לאַכט אויס די קהלשע אינסטיטוציעס מיט זייער אָפּגעלאָזנקייט און אומאָרדענונג.

שוין פריִער האָט פּרץ געשריבן פון צײַט צו צײַט העברעיִשע לידער און זײַנע ערשטע געדרוקטע לידער זענען געווען העברעיִשע. נאָך די פּאָגראָמען פון 1881. יאָר אין רוסלאַנד הייבט פּרץ אָן צו שרײַבן יידישע לידער, אין וועלכע ער קלאָגט זיך אויף די פּאָגראָמען, אויפן אַנטיסעמיטיזם, אויף דעם „ווּסטן יידישן מזל און די שווערע גזרות". פּרץ אינטערעסירט זיך שוין דעמאָלט שטאַרק מיט יידישע געזעלשאַפטלעכע פראַגן, איבערהויפּט אָבער מיטן לעבן פון די אָרעמע פאָלקס-מאַסן. שוין דעמאָלט זאָגט פּרץ: „מיט די אַלטע תּלמודיסטן און דער בורזשואַזיע איז גאָרנישט צו מאַכן, פון זיי איז נישטאָ וואָס צו האָפן; נאָר די אַרבעטער-מאַסע, דאָס איז אַ פעלד צום באַאַרבעטן. דאָ איז פאַראַן אַ סך פּעקס און פיל אידעאַליזם. נאָר מען דאַרף זיי בילדן, מען האָט זיי פאַרנאַכלעסיקט; מען באַדאַרף צו זיי רעדן אין זייער לשון, אויפוועקן זייערע געדאַנקען; מאַטעריאַל איז דאָ גענוג, נאָר נישט באַאַרבעט. דערפאַר שרײַב איך איצט אין מאַמע-לשון. איך וויל שאַפן אַ יידישע ליטעראַטור, רעדן און שרײַבן צום פאָלק אויף זײַן שפּראַך".

פּרץ טרעט שוין דאַן אַרויס אַלס הייסער פאַרטיידיקער פון יידיש, „וועלכע איז די שפּראַך פון פּשוטן יידן, די שפּראַך וואָס וועט זײַן אַן אייביקער עדות אויף דעם פאַרגאָסענעם בלוט, אויף די אַלע רציחות און חורבנות, און וואָס האָט אין זיך אײַנגעזאַפּט דאָס געוויין און ווײ-געשריי פון די דורות, דעם [illegible] אין די ביטערקייט פון דער היסטאָריע... די דימענטן אַ [illegible]ן, וואָס זענען אין איר (אין דער יידישער שפּראַך) אײַנגעגאָסט — דאָס זענען דאָך די נישט-אויסגעטריקנטע, די פאַרגליווערט-געוואָרענע יידישע טרערן".

אין דער יידישער ליטעראַטור טרעט פּרץ צום ערשטן מאָל אַרויס מיט זײַן פּאָעמע „מאָניש". אין דער דאָזיקער פּאָעמע שיל-

דערט אונדז פרץ זײַן איבערגאַנג פון דער אַלטער טראַדיציאָנע־לער בית־מדרש־וועלט צו דער וועלט פון נײַעם לעבן.

צו יענער צײַט (1889 י.) פאַלט אויך אויס פרצס באַקאַנט־שאַפט מיט דינעזאָנען, וועלכער איז אַ הייסער אָנהענגער פון פּרצן. דינעזאָן גיט אַרויס די ערשטע זאַמלונג פון פרצס דערציי־לונגען אין יידיש א. נ. „באַקאַנטע בילדער", אין וועלכער עס גייען אַרײַן צווישן אַנדערע „דער משולח", „וואָס הייסט נשמה?" און „דער משוגענער בטלן".

אין זעלביקן יאָר פאַרלאָזט פרץ זאַמאָשטש און קומט קײַן וואַרשע. ער ווערט אײַנגעלאַדן אָנטייל צו נעמען אין אַ סטאַטיס־טישער עקספּעדיציע איבער פוילן מיטן צוועק אויסצופאָרשן די יידישע פרנסות אין די פוילישע שטעטלעך. אויף דער דאָזיקער רייזע האָט פרץ געהאַט די מעגלעכקייט נענטער צו דערקענען דאָס יידישע לעבן, און דעם זייער רײַכן מאַטעריאַל, וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט, האָט ער באַאַרבעט אין זײַנע באַרימטע „ביל־דער פון אַ פּראָווינץ־רייזע". אין די דאָזיקע „בילדער" ווײַזט פרץ, ווי דאָס פוילישע שטעטל גייט אונטער, די מענטשן זעען אויס ווי שאָטנס, ווי לעבעדיקע מתים; נישט מען לעבט און נישט מען האָפט אויף אַ בעסער לעבן. מען האָט פשוט נישט וואָס צו עסן און מיט וואָס די כוחות צו דערהאַלטן. די קינדער קומען אָפּ אַ גאַנצן טאָג מיט אַ שטיקל ברויט און אַ שטשיפּיאָרעק. אַ „גע־פּיעשטשעט" קינד באַקומט פון דער מאַמען צוויי שטשיפּיאָרקעס צום ברויט. די נויט, דער הונגער דערשלאָגן די מענטשן און וואַרפן זיי אַרײַן אין אַ פינצטערער מרה־שחורה. פרץ דערציילט אונדז וועגן אַ קינד, אַ יתומל, וואָס האָט אינגאַנצן צוויי ביטעס צו גאָט: „פון טאַטן אויף דער ערד נאָך אַ שטשיפּיאָרעק און פון פאָטער אין הימל — די לבנה זאָל גרעסער ווערן".

פרץ דערנענטערט זיך צו דער יידישער אַרבעטער־באַווע־גונג, וועלכע הייבט זיך דאַן אָן שטאַרקער צו אַנטוויקלען. אַ דאַנק דער אַרבעטער־באַוועגונג הייבט זיך בכלל אָן אַן אויפלעבונג אין דער יידישער ליטעראַטור. פרץ טרעט אַרויס קעגן ציוניזם און לאַכט אויס די פוסטע חלומות און אײַנרעדענישן פון די ציוניסטן

און שטייט צו צו דער ייִדישער סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ. ער איז טיף איבערצייגט, אַז נאָר דער סאָציאַליזם קען באַפרייַען די אונטערגעדריקטע ייִדישע מאַסן און שאַפן בײַ זיי אַ שענער און מענטשלעכער לעבן. אין דעם זאַמלבוך „ייִדישע ביבליאָטעק" וואָס ער גיט דאַן אַרויס, פירט ער איַין אַן אָפּטיילונג פאַר באַל־מעלאָכעס, ווו ער באַהאַנדלט און שרײַבט וועגן פאַרשידענע פראָ־פעסיעס און ווײַזט אָן דעם ייִדישן באַלמעלאָכע, ווי אַזוי ער זאָל זיך פירן בײַ דער אַרבעט, און בײַ וועלכן אַרבעט־סיסטעם ער זאָל זיך האַלטן; ער רופט זיי צו פאַרייניקן זיך, כדי זייער אַר־בעט זאָל בעסער געצאָלט ווערן און זיי זאָלן האָבן מער צײַט פאַר זעלבסטבילדונג.

אַ באַזונדערן איינדרוק האָבן געמאַכט פרצס „יום־טוב־בלעטלעך", וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער שאַרפן טאָן און רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער. זיי ווערן פאַרשפרייט צווישן די מאַסן, מען לייענט זיי אין די אַרבעטער־קרײַזלעך, מען דיס־קוטירט וועגן זיי אומעטום. פאַרשטעלטערהייט ווערן דאָרט אַרויס־געזאָגט ריין־סאָציאַליסטישע געדאַנקען, וואָס טרעפן זייער צו די דעמאָלטיקע שטימונגען און געדאַנקען פון דער אַרבעטערשאַפט.

פרץ שרײַבט דאַן אויך אָן אַ גאַנצע ריי דערציילונגען, אין וועלכע ער שילדערט די ייִדישע אָרעמקייט. ער שילדערט אונדז די „באַנטשעס", די „משולחס", זייער שווער לעבן און דער עיקר — זייער שלום־מאַכן מיט דעם שווערן לעבן. עס איז דער־שטיקט אין זיי יעדעס מענטשלעך געפיל, נישטאָ קיין אינערלע־כער שטאָלץ. קיין נאַטירלעך פראָטעסט־געפיל. זייער איינציקער טרוים איז אַ וואַרעם פעלצל, די ברוסט צו באַדעקן („משולח") און אַ פרישע בולקע מיט פוטער („באַנטשע").

די דערציילונגען אין די „יום־טוב־בלעטלעך" דינען פאַר אַן אַגי־טאַציע־און פראָפּאַגאַנדע־מאַטעריאַל בײַ דער אַרבעטערשאַפט, און ווערן פאַרשפרייט דורך יונגע ייִדישע סאָציאַליסטן און רופן אַרויס אַ שטורעם אין דער ייִדישער געזעלשאַפט. זיי צערייצן די קעגנער פון ציוניסטישן און אָרטאָדאָקסישן לאַגער, וועלכע טרעטן שאַרף

אַרויס קעגן פרצן, וואָס „פירט אַראָפּ די יידישע יוגנט פון גלייכן וועג“.

פרץ שרעקט זיך קנאַפּ אָפּ פאַר די אַלע אַרויסטרעטונגען און אָנפאַלן און שטייט ווייטער אין ענגע באַציִונגען מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג. זיין פאַרבינדונג ווערט נאָך שטאַרקער, ווען די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אָרגאַניזירט זיך אַרום דעם יידישן אַלגעמ. אַרבעטער־בונד. פּרץ קומט אָפט אויף אומלעגאַלע פאַר־זאַמלונגען, טרעט אַרויס מיט רעדעס און פאָרלעזונגען און צוליב דעם טאַקע ווערט ער אין אויגוסט 1899 אַרעסטירט און זיצט אָפּ עטלעכע חדשים אין באַרימטן 10־טן פּאַווילאָן. נאָכן אַרעסט גיט זיך פרץ אָפּ בלויז מיט ליטעראַרישער אַרבעט און דעמאָלט שאַפט ער זיינע „פאָלקסטימלעכע געשיכטן“.

אין די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן“ אַנטפּלעקט פאַר אונדז פרץ די אינערלעכע שיינקייט פון פאָלקס־לעבן. דאָס אַרבעטנדיקע פאָלק באַשטייט פון פשוטע, נאַטירלעכע און געזונטע פאָלקס־מענטשן. און דער דאָזיקער פּשוטער פאָלקס־מענטש האָקסט פאַר־אונדז אויס אין אַ גרויסער פערזענלעכקייט מיט אויסערגעוויינלעכן אידעאַליזם, וואָס איז גרייט איינצושטעלן דאָס לעבן פאַר דער זאַך, וואָס איז אים הייליק און טייער.

אין די יאָרן 1905—1906, ווען דאָס געזעלשאַפטלעך־פּאָליטי־שע לעבן אין אַמאָליקן רוסלאַנד קאָכט און ברויזט, אַלץ ווערט פאַרכאַפּט פון רעוואָלוציאָנערע שטימונגען, באַטייליקט זיך פרץ ווידער אין פּאָליטיש־געזעלשאַפטל. לעבן, טרעט אַרויס אויף סאָ־ציאַליסטישע מיטינגען, אָרגאַניזירט אַ פאָלקס־אוניווערסיטעט פאַר אַרבעטער. ער אַרבעט מיט אין אַלע סאָציאַליסטישע צייטונגען וואָס זענען דערשינען אין דער צייט פון דער פרייַהייטס־באַוועגונג אין רוסלאַנד: אין דער בונדישער „פאָלקסצייטונג“, אין דער פפ“סישער „פּראָלעטאַרישער שטימע“ אאַ“וו.

נאָכן דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע, ווען די פינצטערע ריאַקציע דערשטיקט יעדן סימן פון אַ פרייַ געזעלשאַפטלעך לעבן, ווען די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן מוזן זיך צוריקציִען אין די קעלערס צו פירן ווייטער פאַרבאָרגענערהייט די רעוואָלוציאָנערע

אַרבעט, גיט זיך פּרץ אויסשליסלעך אָפּ מיט געזעלש.־קולטורעלער אַרבעט. ער טרעט אַרויס זייער אָפט מיט רעפעראַטן וועגן יידיש און יידישער קולטור אין וואַרשע און אין די גרעסטע יידישע צענטערן אין פּוילן. אַלע זיינע אַרויסטרעטונגען ווערן פאַרוואַנדלט אין באַגייסטערטע מאַניפעסטאַציעס פאַר דער יידישער שפּראַך און קולטור.

אין יאָר 1908 קומט פאָר אין טשערנאָוויץ אַ קאָנפערענץ וועגן דער יידישער שפּראַך און קולטור. פּרץ נעמט אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער קאָנפערענץ. ער באַגייסטערט אַלעמען מיט זיינע הייסע און שיינע רעדעס פאַר די רעכט פון יידיש, אַלס די נאַציאָנאַלע שפּראַך פון די יידישע מאַסן.

עס ברעכט אויס די וועלט־מלחמה אין 1914. די רוסישע חיילות פאַרפלייצן פּוילן. נאָך די ערשטע מפּלות פון רוסישן מיליטער, גיט זיך אַ שאָט אויף דער יידישער באַפעלקערונג צרות און פּיין אָן אַ שיעור. אומטערן אויסרייד, אַז יידן זענען שפּיאָנען, וויל מען פאַרדעקן די אייגענע מפּלות. די רוסישע גענעראַלן מאַכן חרוב גאַנצע יידישע שטעטלעך. מען פאַרברענט גאַנצע שטעט און מען טרייבט אַרויס די באַפעלקערונג. צענדליקער טויזנטער יידישע פאַמיליעס בלייבן אָן אַ היים, אָן דער מינדסטער מעגלעכקייט און אויסזיכט צום לעבן. אַ גרויסער טייל פון די היימלאָזע קומט קיין וואַרשע. דער עלנט און צער פון די היימלאָזע איז אומגעהייער און פּרץ פילט מיט זיין גאַנצן האַרצן דעם דאָזיקן צער. און ער ווערט צוזאַמענגעבראָכן.

פּרץ וואַרפט זיך מיטן גרעסטן ברען און דער הילפס־אַרבעט פאַר די געליטענע. ער אָרגאַניזירט זאַמלונגען, באַטייליקט זיך אין אַלע הילפס־אַקציעס, גיט אַוועק אַלץ, וואָס ער האָט, די טייערסטע מתּנות, וואָס ער האָט אַמאָל באַקומען פון זיינע פאַרערער. באַזונדערש ריירנד אָבער איז געווען פּרצס איבערגעגעבענע אַרבעט צווישן די קינדער פון די היימלאָזע: ער האָט זיך באַמיט מיט אַלע מיטלען כאָטש אָט די קליינע, הילפלאָזע קינדער, אָפּצוגרענעצן פון דעם שווערן אומגליקלעכן לעבן, וואָס איז באַשערט זייערע טאַטעס און מאַמעס. ער באַטייליקט זיך אין גרינדן קינ־

דערהיימען און יידישע שולן. ער קומט יעדן טאָג אין קינדער־היים, אין שול, אינטערעסירט זיך האַרציק מיטן טאָג־טעגלעכן לעבן פון די קינדער — וואָס מער פרייד, וואָס מער נחת זאָלן זיי האָבן. ער שרייבט פאַר זיי מעשהלעך, קינדער־לידער, פאַר־ברענגט און שפּילט זיך מיט זיי.

די שווערע איבערלעבונגען האָבן אָבער פּרצן קראַנק גע־מאַכט. שוין פריִער האָט ער געליטן אויפן האַרץ; דאָס שווערע לעבן, דער כּסדרדיקער ווייטיק און צער, דאָס כּסדרדיקע איבער־נעמען זיך מיטן אומגליק פון די היימלאָזע — האָבן אינגאַנצן צעשטערט זיין געזונט. דאָס האַרץ האָט נישט אויסגעהאַלטן.

דעם 7־טן אַפּריל 1915 — איז פּרץ געשטאָרבן פון אַ פּלוצלונגן האַרץ־אַטאַק, בעת ער איז געזעסן ביים שרייבטיש און געאַרבעט איבער קינדער־לידלעך פאַר די קינדערהיימען פון די היימלאָזע. די ווערטער „שטילער, שטילער, דאַנקען וויל ער...״ זענען געווען די לעצטע, וואָס זענען אָנגעשריבן געוואָרן פון גרויסן דיכטער.

פּרצעס טויט האָט אויפגעטרייסלט די גאַנצע יידישע געזעל־שאַפט, די טרויעריקע ידיעה האָט זיך מיט אַ בליץ־שנעלקייט פאַרשפּרייט אומעטום און געמאַכט אַ דערשיטערנדיקן איינדרוק. נאָך דעם ארון זענען געגאַנגען העכער הונדערט טויזנט מענטשן. די לוויה האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ גראַנדיעזער טרויער־און פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציע קעגן די צאַרישע מלחמה־באַוואָפנונגען אויף די פּוילישע יידן.

זינט דעם טויט פון גרויסן דיכטער איז געוואָרן אַ מנהג אין דער גאַנצער וועלט אין דעם טאָג פון זיין יאָרצייט איינצו־אָרדענען פייערלעכע „פּרץ־אַקאַדעמיעס״. אַ סאַך קולטור־געזעל־שאַפטן און אינסטיטוציעס רופן זיך אויפן נאָמען פון פאַרשטאָר־בענעם. אויך אַ סאַך פון אונדזערע פאָלקשולן טראָגן פּרצעס נאָמען.

אויפן וואַרשעווער בית־עולם, ווו עס געפינט זיך פּרצעס קבר, איז אויפגעבויט געוואָרן אַ פּרץ־מאָנומענט, דער אַזוי־גערופע־נער „פּרץ־אוהל״. אין די יאָרצייטן פון געשטאָרבענעם דיכטער

קומען טויזנטער מענטשן אויף זײַן קבר אויסצודריקן זייער פאַר־
ערונג.

20 יאָר זענען אַריבער, זינט דער גרויסער דיכטער פּרץ
איז געשטאָרבן. און נאָך פּריש, גאָר פריש איז זײַן אָנדענק בײַ
דעם עלטערן דור. דער פאַרשטאָרבענער דיכטער איז הײַנט אויך
גוט באַקאַנט דעם יונגן דור לייענער, און זײַנע דיכטערישע ווערק
ווערן געלייענט און באַארבעט אין אַלע יידישע שולן. פּרץ, איי־
נער פון די גרעסטע דיכטער אין דער יידישער ליטעראַטור, גע־
הערט צוזאַמען מיט מענדעלע מוכר־ספרים און שלום־עליכם צו די
דרײַ שעפער פון דער יידישער ליטעראַטור.

„פּרץ — זאָגט שלום־עליכם — איז געווען אַ מענטש אַ ריז,
מיט אַ ברייט וואַרעם האַרץ, אַ קאָלאָסאַלער קאָפּ; און דער עיקר—
אַ פּיקח, מיט אויגן פון אַ תּלמיד־חכם, טיפע בליצנדיקע גרויסע
אויגן, אַ ברייטער בליצנדיקער קוק און אַ מויל, וואָס פּערלט גע־
דאַנקען, וואָס ברויזן, זעצן, ווי פון אַ קוואַל".

„אין די טיפענישן פון פּרצס נשמה — שרײַבט נאָמבערג—
איז געלעגן דאָס זינגענדיקע און שטראַלנדיקע, ער האָט פײַנט
געהאַט דאָס גרויע, דאָס וואָכעדיקע".

ער האָט שטענדיק געזוכט דאָס שיינע, דאָס דערהויבענע
אין לעבן. ער האָט באַרײַכערט די יידישע ליטעראַטור מיט נײַע
געדאַנקען און געפילן. אויפגעפרישט זי מיט זײַן רײַכער שעפע־
רישקייט און אַזוי אַרום געוואָרן דער ברען־פּונקט אין דער יידי־
שער ליטעראַטור.

י. ראָטנבערג

## פּרצעס וויכטיקסטע ווערק:

1. מאָניש.
2. בילדער פון א פּראָווינץ־רייזע.
3. פאָלקסטימלעכע געשיכטן
4. חסידיש.
5. זכרונות און בילדער.
6. די גאָלדענע קייט.
7. אין פּאַליש אויף דער קייט.
8. ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק.



* * *

ווײַסע, ברױנע, שוואַרצע, געלע —
מישט די פֿאַרבן אױס צוזאַמען!
אַלע מענטשן זײַנען ברידער —
פֿון אײן טאַטן, פֿון אײן מאַמען!

אױך — אײן גאָט האָט זײ באַשאַפֿן,
און — אײן פֿאָטערלאַנד — די װעלט!
אַלע מענטשן זענען ברידער,
דאָס איז אײנמאָל פ ע ס ט ג ע ש ט ע ל ט!

אַלע מענטשן זענען ברידער,
שוואַרצע, ווײַסע, ברױנע, געלבע...
אַנדערש זענען נאָר די פֿאַרבן,
די נאַטיר איז — די זעלבע.

אַלע מענטשן זענען ברידער:
געלע, ברױנע, שוואַרצע, ווײַסע...
פֿעלקער, ראַסן און קלימאַטן —
ס'איז אַן אױסגעטראַכטע מעשה...

# די לבנה פאַרציילט

פון אַן איבערגעבויגן הײַזל גייט אַרויס אַ באָרוועס ייִנגל, שלעכט געקליידט (די שמאַטעס האַלטן זיך אויף אים קוים), און קענגיבער, פון אַ צווייטן הויז, כמעט אַ מפּולת, קומט אויך אַרויס אַזאַ ייִנגל.

קוים זענען זיי איינער צום צווייטן צוגעקומען, האָב איך שוין נישט געוווּסט, וועלכער עס איז אַרויס פון וועלכן הויז: ביידע אויסגעדאַרט, מיט ברענענדיקע אויגן, ביידע ציטערן פאַר קעלט, אפשר פאַר הונגער אויך.

איך הער, ווי זיי שמועסן:

— פּאַרטיק?

— און דו?

— אויך.

— האָסט געגעסן?

— ניין... דער טאַטע האָט נישט געברענגט.

— מײַנער — קראַנק. די מאַמע וויינט...

— גייען מיר?

— בעסער לויפן... ס'איז קאַלט...

— נו!...

זיי לויפן פײַל פון בויגן אין שטאָט אַרײַן.

איך קוק זיי נאָך.

בײַ איינעם פון די שענסטע הײַזער שטעלן זיי זיך אָפּ.

— זעסט? מײַן פּעטערס הויז! — מאַכט איינער שטאָלץ.

דער צווייטער ווײַזט אויף אַ הויז קעגניבער:

— דאָס איז מײַן פּעטערס!

— מײַן פֿעטער האָט מען געבראַכט אַן אַראַביש פֿערדל פֿאַר 16 טױזנט!
— מײַנער האָט אַ קאַרעטע מיט פֿיר פֿערד װי די לײבן!
— מײַנער האָט אפֿשר טױזנט דערפֿער!
— מײַנער אפֿשר הונדערט שטעט!
— שוטה! בײַ מײַן פֿעטער איז דאָס מעבל פֿון גאָלד!
— בהמה! בײַ מײַן פֿעטער — סאַמע בריליאַנטן.
— אָבער מײַן מומע מיט אירע פּאַרפֿומען! די נאָז רײַסט עס אויף!
— אָ־װאָ! מײַן מומע גײט אַלע טאָג אין טעאַטער אַרײַן...
— און אַז מײַן פֿעטער שפּילט יעדע נאַכט אין קאָרטן — האַ?
זײ האָבן זיך לאַנג געשפּאַרט און שיִער נישט געפֿאַלן זיך אין די האָר אַרײַן...
אײנער איז דאָך פֿריִער אָפּגעשטאַנען.
— קאַלט, מאַכט ער מיט אַ ציטער.
דער צװײטער שטײט אויך אָפּ.
— איך בין זײער הונגעריק, — זאָגט ער — עס נאָגט מיך קלינג אָן בײַ דײַן פֿעטער.
— נײן, — ענטפֿערט יענער דערשראָקן, — ער האָט אָנגעזאָגט דעם שװײצער, ער זאָל מיר הענט און פֿיס צעברעכן!
— מײַן פֿעטער — דאָס זעלבע! — ענטפֿערט דער צװײטער.
זײ לאָזן בײדע טרױעריק אַראָפּ די קעפּ.
— גײען מיר?
— בעסער לױפֿן...
און אױפֿן װעג:
— מאָרגן בײַנאַכט נאָכאַמאָל...
— יאָ... איבערלױפֿן... איך װעל געבן אַ סימן... איך װעל אַ קריי טון װי אַ האָן...
— איך װעל דיר ענטפֿערן מיט מיאַוק פֿון אַ קאַץ.
— גוט...
זײ זענען מיר פֿאַרשװוּנדן געװאָרן.

# דער תענית

א ווינטער־נאַכט. שרה זיצט בײַם „קאַנאַנעק“ און שטאָפּט אַ אַלטן זאָק. זי אַרבעט מיט געפרוירענע הענט, גייט נישט זייער געשווינד; פּאַר קעלט זענען איר אויך ברוין און בלוי געוואָרן די ליפּן, אָפּט לייגט זי אַוועק די אַרבעט און צעלויפט זיך איבער דער שטוב, צו דערוואַרעמען די געפרויר׳ענע פיס.

אין אַ בעט אויף אַ גאַלן שטרוי־זאַק שלאָפן פיר קינדער: אין יעדער זײַט צו צוויי קעפּ, איבערגעדעקט אין דער מיט מיט עטלעכע אַלטע קליידער.

וואָס אַמאָל כאַפּט זיך אויף אַן אַנדער קינד, עס הייבט זיך אויף איין אַנדער קעפּל און רופט: עסן!

— וואַרט, וואַרט, קינדערלעך, — טרייסט זיי שרה, — אָט באַלד וועט קומען דער טאַטע, ברענגען וויעטשערע. איך וועל אײַך אַלע אויפוועקן!

— און וואַרעמעס? — פרעגן די קינדער וויינענדיק — מיר האָבן דאָך נאָך קיין וואַרעמעס נישט געגעסן!

— וואַרעמעס אויך!

זי גלייבט דאָך אַליין נישט אין דעם, וואָס זי זאָגט; זי זוכט מיט די אויגן אין אַלע זײַטן, טאָמער וועט זיך נאָך עפּעס געפינען צו פאַרזעצן... נישטאָ!

ליידיקע, נאַסע פיר ווענט — אַ צעשפּאָלטענער אויוון. אַלץ איז נאַס און קאַלט! אויפן קוימען שטייען אַ פּאָר צעבראָכענע טעפּ, אויפן אויוון — אַן אַלט, אויסגעבויגן, בלעכן חנוכה־לעמפּל; אין דער הייך, אין באַלקן שטעקט אַ נאָגל — אַ זכר פון אַ הענגל־לײַכטער, צוויי ליידיקע בעטן אָן אַ קישן... גאָר נישט, גאָר נישט מער!

עס האָט לאַנג געדויערט, ביז די קינדער זענען רעכט אײַנ־געשלאָפן. שרה קוקט אויף זיי מיט האַרץ־ווייטיק, מיט רחמנות, און טראָגט איבער די פאַרווייינטע אויגן צו דער טיר. זי האָט דערהערט טריט; שווערע טריט אויף די טרעפּ אין דער סוטע־רינע אַרײַן; קאַנען קלאַפּן, דאָ אין דער רעכטער, דאָ אין דער

לינקער זײַט וואַנט. אַ שטראַל פֿון האָפֿענונג באַלײַכט איר אײַנגעשרומפּן פּנים. זי קלאַפּט אַ פּאָר מאָל אַ פוס אין אַ פוס, הייבט זיך שווער אויף און גייט צו צו דער טיר. זי עפנט, עס קומט אַרײַן אַ בלאַסער, אײַנגעבויגענער ייִד מיט ליידיקע קאַנען.

— נו? פרעגט שרה שטיל.

ער שטעלט אָוועק די קאַנען, לייגט אָפּ די יאָך, זיפצט אָפּ און ענטפערט נאָך שטילער:

— גאָר נישט! גאָר, גאָר נישט! מ'האָט אין ערגעץ נישט באַצאָלט... מאָרגן, זאָגט מען ... יעדער זאָגט אַלץ — מאָרגן... איבערמאָרגן... ראש־חודש...

— די קינדער האָבן כמעט אין מויל נישט געהאַט, — מאַכט שרה — כאָטש גוט, זיי שלאָפן... בידנע קינדער מײַנע! זי קאָן זיך נישט אײַנהאַלטן און הייבט אָן שטיל צו וויינען.

— וואָס וויינסטו, נאַר? פרעגט דער מאַן.

— אַך, מענדל, מענדל... די קינדער זענען אַזוי הונגעריק!.. מיט געוואַלד וויל זי אײַנהאַלטן די טרערן.

— און וואָס וועט זײַן אונדזער סוף? — קלאָגט זי זיך, — מיט יעדן טאָג ווערט ערגער!

— ערגער? ביין, שרה! זינדיק נישט מיט די רייד! פּאַראַיאָרן איז ערגער געווען. ערגער! אויך אָן ברויט און דערצו נאָך אָן א דירה! די קינדער האָבן זיך בײַטאָג געוואַלגערט אין גאַס, בײַנאַכט אין די הייף... הײַנט כאָטש אויף אַ שטרוי־זאַק, כאָטש אונטער אַ דאַך!

שרה האָט זיך שטאַרקער צעוויינט.

זי האָט זיך דערמאָנט, אַז דעמאָלט איז איר טאַקע אין מיטן גאַס אַ קינד אַוועקגעקומען. עס האָט זיך פאַרקילט, הייזעריק געוואָרן און געשטאָרבן.

געשטאָרבן, ווי אין וואַלד... (זיי צו לענגערע יאָר!) נישט געווען, מיט וואָס צו ראַטעווען... מ'שטיינס געזאָגט, נישט אַפילו די שול אײַנגעריסן, נישט דאָס פעלד געמאָסטן, קיין עין הרע נישט אָפּגעשפּראָכן... אַזוי אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט!

און ער טרייסט זי.

— ווײן נישט, שרה, ווײן נישט... זינדיק נישט פאַר גאָט

— אַך, ווען וועט ער שוין אויף אונדז רחמנות האָבן!

— האָב אויף דיר אַלײן רחמנות, לאָז דיר נישט צו אַזוי צום האַרץ! זע, ווי דו זעסט אויס! הײַנט צען יאָר איז געווען אונדזער חופּה... קוק אָן דײַן פּנים... ווײ און ווינד! דו ביסט דאָך געווען די שענסטע אין שטאָט!

— און דו?! דו האָסט דאָך געהײסן, געדענקסט, מענדל גיבור... הײַנט ביסט דו געבויגן אין דרײַען, קראַנק... כאָטש דו האַלטסט פאַר מיר בסוד!

— אַך, גאָט! גאָט! — רײַסט זיך איר אַרויס אַ געשרײַ.

די קינדער כאַפּן זיך אויף און בעטן: עסן, ברויט!

— חלילה! וואָר עסט הײַנט? — האָט זיך מענדל פּלוצלונג אָנגערופן.

די קינדער זעצן זיך אויף דערשראָקן.

— הײַנט איז אַ תּענית,—זאָגט מענדל מיט אַ פינצטער פּנים.

עס האָט געדויערט אַ פּאָר מינוט, אײדער די קינדער האָבן פאַרשטאַנען, וואָס מען רעדט צו זײ.

וואָס פאַר אַ תּענית? וואָס פאַראַ תּענית? — פרעגן זײ ווײנענדיק.

און מענדל פאַרציילט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, אַז הײַנט בײַ שחרית, איז אַראָפּגעפאַלן די ספר־תּורה פון שולחן.

— דעריבער — זאָגט ער — האָט מען אויף מאָרגן אויסגערופן אַ תּענית, אַפילו פאַר זײגעדיקע קינדער!

די קינדער שווײַגן און ער פירט ווײַטער:

— אַזאַ תּענית ווי יום־כּפּור, ווי תּשעה־באָב; פון הײַנט פאַרנאַכט אָן!

די פיר קינדער שפּרינגען פלינק אַרויס פון בעט און הײבן אָן באָרוועס, אין די צעריסענע העמדלעך, צו טאַנצן איבער דער שטוב און צו רופן:

— מיר וועלן פאַסטן! פאַסטן!

מענדל פאַרשטעלט מיט די פלײצעס דעם קאַגאַנעק, זײ זאָלן נישט זען, ווי די מוטער גיסט מיט טרערן.

— נו, גענוג! — באַרויִקט ער די קינדער — גענוג! אין אַ תענית טאָר מען נישט טאַנצן... אם ירצה השם, — שמחת־תורה...

די קינדער זענען צוריק אין בעט אַריַין...

פאַרגעסן דעם הונגער!

אַ מיידעלע הייבט אָן זינגען „אבינו מלך", „אויפן הויכן באַרג"... אַ קעלט לויפט מענדלען דורך אַלע גלידער...

— זינגען טאָר מען אויך נישט,—מאַכט ער מיט אַ פאַרשטיק־טער שטימע...

די קינדער ווערן שטיל און־שלאָפן איַין, מיד פון טאַנצן און זינגען. איינער דאָך, דער עלטערער, וואָגט זיך נאָך און פרעגט:

— טאַטע, ווען ווער איך בר־מצווה?

— נאָך וויַיט, חיימל, נאָך וויַיט... נאָך פיר יאָר, זאָלסט מיר לעבן און געזונט זיַין...

— דעמאָלט וועסטו מיר קויפן אַ פאָר תפילין?

— ווי דען?

— אַ תפילין־זעקעלע?

— מן־הסתם!

— און אַ סידורל... אַ קליינס מיט אַ גאָלדענעם שניט?

— מיט גאָטס הילף... בעט גאָט, חיימל!

— דעמאָלט וועל איך פאַסטן אַלע תעניתים!

— יאָ, יאָ, חיימל... אַלע תעניתים.

שטיל האָט ער צוגעגעבן:

— רבונו של עולם, נאָר נישט אַזוינע, ווי היַינט!..

## וואָס טראַכטן און קלערן?

וואָס טראַכטן און קלערן —
גערונצלטע שטערן,
ווען ס'ווערן אין די אויגן
פאַרבאַקן די טרערן?
וואָס טראַכט און וואָס חלומט
די שטומפיקע קוואַל?

צי בליצט וואָרט כאָטש איינמאָל
אין לעבן די שטראַל,
וואָס לײַכט אונדז בײַם זוכן
אין פינצטערע טעג
דער אָרעמער מענטשהײַטס
פאַרלוירענעם וועג?

וואָס טראַכטן, וואָס קלערן
די אַלע, וואָס שטופּן
די טאַטשקע פון צרות?
צי שײַנט אויף די ליפּן,
וואָס שיילן זיך, ברענען
פון אייביקע זאָרגן,
כאָטש איין מאָל אַ שמייכל —
אַן אָפּגלאַנץ פון מאָרגן,
פון גליקלעכן מאָרגן,
וואָס אונדז מאַכט באַקאַנט
דעם פינצטערן הימלס
פאַרגאָלדעטער ראַנד?

וואָס טראַכט זיך דער הונגער,
אין קעלער פאַרשמאַכט?
דער שלאָף וויל נישט קומען,
און שטיל איז די נאַכט;
צי הערט ער אין שטילן
דעם אײַזערנעם קלאַנג,
דעם טריט פון די צײַטן,
פון דורות דעם גאַנג?...
צי שפּאַלט זיך דער הימל
בײַ גאָט אין דער האַנט?
צי זעט ער דעם דונער?
צי ווייס ער, ס'איז קראַנט?

# באַנציע שוויַג

דאָ, אויף דער וועלט, האָט באַנציע שוויַגס טויט גאָר קיין איַינדרוק נישט געמאַכט! פרעגט עמעצן בחרם: ווער באַנציע איז געווען, ווי אַזוי ער האָט געלעבט, אויף וואָס ער איז געשטאָרבן! צי האָט אין אים דאָס האַרץ געפּלאַצט, צי די כּחות זענען אים אויסגעאַנגען, צי דער מאַרך־ביין האָט זיך אונטערגעבראָכן אונטער אַ שווערער לאַסט... ווער ווייסט! אפשר איז ער גאָר פאַר הונגער געשטאָרבן!

אַ פערד אין טראַמוויי זאָל פאַלן, וואָלט מען זיך מער אינטערעסירט. עס וואָלטן צייטונגען געשריבן, הונדערטער מענטשן וואָלטן פון אַלע גאַסן געלאָפן און די נבלה באַקוקט; באַטראַכט אפילו דעם אָרט, וווּ די מפּלה איז געווען...

באַנציע האָט שטיל געלעבט און איז שטיל געשטאָרבן; ווי אַ שאָטן איז ער דורך — דורך אונדזער וועלט!

אויף באַנציעס ברית האָט מען קיין וויַין נישט געטרונקען, עס האָבן קיין כּוסות געקלונגען! צו בר־מצוה האָט ער קיין קלינגעדיקע דרשה נישט געזאָגט... געלעבט האָט ער ווי אַ גרוי קליין קערנדל זאַמד בײַם ברעג פון ים צווישן מיליאָנען זיַינס־גליַיכן; און אַז דער ווינט האָט אויפגעהויבן און אויף דער אַנדערער זיַיט ים אַריבערגעיאָגט, האָט עס קיינער נישט באַמערקט!

בײַם לעבן האָט די נאַסע בלאָטע קיין צייכן פון זיַין פוס נישט באַהאַלטן; נאָכן טויט — האָט דער ווינט דאָס קליי־נע ברעטל פון זיַין קבר אומגעוואָרפן: דעם קברנס וויַיב האָט עס געפונען וויַיט פון קבר און דערבײַ אַ טעפּל קאַרטאָפל אָפּ־געקאָכט... עס איז דריַי טעג נאָך באַנציעס טויט, פרעגט דעם קברן בחרם, וווּ ער האָט געלייגט!

אַ שאָטן! זיַין פאָטאָגראַפיע איז נישט געבליבן בײַ קיי־נעם אין מוח, בײַ קיינעם אין האַרץ; עס איז פון אים קיין זכר געבליבן!

„קיין קינד, קיין רינד״; עלנט געלעבט — עלנט נע־שטאָרבן!

ווען נישט דאָס מענטשלעכע געפּרודער, וואָלט אפשר עמעצער אַמאָל דערהערט, ווי באָנציעס מאַרך־ביין האָט אונטער דער לאַסט געקנאַקט; וואָלט די וועלט מער ציַיט געהאַט, וואָלט עטעצער אפשר אַמאָל באַמערקט, אז באָנציע (אויך אַ מענטש) האָט לעבעדיקערהייט צוויי אויסגעלאָשענע אויגן און שרעקלעך איַינגעפאַלענע באַקן; אַז אפילו ווען ער האָט גאָר שוין קיין לאַסט אויף די פּלייצעס, איז אים אויך דער קאָפּ צו דער ערד געבויגן, גלײַך ער וואָלט לעבעדיקערהייט זײַן קבר געזוכט! וואָלטן אַזוי ווייניק מענטשן ווי פערד אין טראַמוויי געווען, וואָלט אפשר אַמאָל עמעצער געפרעגט: וווּ איז באָנציע אַהינגעקומען?!

ווען מען האָט באָנציען אין שפּיטאָל אַרײַנגעפירט, איז זײַן ווינקל אין סוטערינע נישט לײדיק געבליבן — עס האָבן דערויף צען זײַנס־גלײַכן געוואַרט, און צווישן זיך דעם ווינקל „אין־פּלוס״ ליציטירט; ווען מען האָט פון שפּיטאָל־בעט אין טויטן־שטיבל אַרײַנגעטראָגן, האָבן אויפן בעט צוואַנציק אָרעמע קראַנקע געוואַרט.. ווען ער איז אַרויס פון טויטן־שטיבל — האָט מען צוואַנציק הרוגים פון אונטער אַן איַינגעפאַלן הויז געבּרענגט — — — ווער ווייסט, ווי לאַנג ער וועט רויִק ווײַנען אין קבר? ווער ווייסט, וויפל עס וואַרטן שוין אויף דעם שטיקל פּלאַץ..

שטיל געבוירן, שטיל געלעבט, שטיל געשטאָרבן און נאָך שטילער באַגראָבן.

נאָר נישט אַזוי איז געווען אויף יענער וועלט! דאָרטן האָט באָנציעס טויט אַ גרויסן איינדרוק געמאַכט!

דער גרויסער שופר פון משיחס צייטן האָט געקלונגען אין אַלע זיבן הימלען: באָנציע שווײַג איז נפטר געוואָרן! די גרעסטע מלאכים מיט די ברייטסטע פליגל זענען געפלויגן און איינער האָט דעם אַנדערן איבערגעגעבן: באָנציע איז „נתבקש געוואָרן בישיבה של מעלה״! אין גן־עדן איז אַ רעש, אַ שמחה,

אַ גערודער: „באַנציע שוויַג! אַ שפּאַס׳ באַנציע שוויַג!!!״

יונגע מלאכימלעך מיט בריליאַנטענע אייגעלעך, גאָלדענע דראָט־אַרבעטענע פליגעלעך און זילבערנע פּאַנטאָפעלעך זענען באַנציען אַקעגן געלאָפן מיט שמחה! דער גערויש פון די פליגל, דאָס קלאַפּן פון די פּאַנטאָפעלעך און דאָס פריילעכע לאַכן פון די יונגע, פרישע, רויזיקע מיַילעכלעך האָט פאַרפולט אַלע הימלען און איז צוגעקומען ביז צום כסא הכבוד, און גאָט אַליין האָט שוין אויך געוווסט, אַז באַנציע שוויַג קומט!

— אברהם אבינו האָט זיך אין טויער פון הימל געשטעלט, די רעכטע האַנט אויסגעשטרעקט צום בגריסן „שלום עליכם״, און אַ זיסער שמייכל שיַינט אַזוי העל אויף זיַין אַלטן פנים!

וואָס רעדלט אַזוי אין הימל?

דאָס האָבן צוויי מלאכים אין גן־עדן אַריַין מאַר באַנציעס וועגן אַ גינגאָלדענע פאָטערשטול אויף רעדלעך געפירט!

וואָס האָט אַזוי העל געבליצט?

דאָס האָט מען דורכגעפירט אַ גאָלדענע קרוין מיט די טיַיערסטע שטיינער געזעצט! אַלץ פאַר באַנציען!

— נאָך פאַרן פסק פון בית־דין של מעלה? פרעגן די צדיקים פאַרוווּנדערט און נישט גאָר אָן קנאה.

— אָ! ענטפערן די מלאכים, דאָס וועט זיין אַ פּראָסטע פוסטע פאָרמע! קעגן באַנציע שוויַג וועט אפילו דער קטיגור קיין וואָרט אין מויל נישט געפינען! די „דיעלע״ וועט דויערן פינף מינוט!

— איר שפּילט זיך מיט באַנציע שוויַג? —

אַז די מלאכימלעך האָבן באַנציען געכאַפּט אין דער לופט און אָפּגעשפּילט אים אַ זמר; אַז אברהם אבינו האָט אים ווי אַן אַלטן קאַמעראַד די האַנט געשאָקלט; אַז ער האָט געהערט, אַז זיין שטול איז גרייט אין גן־עדן, אַז אויף זיין קאָפּ וואַרט אַ קרוין; אַז אין בית־דין של מעלה וועט מען איבער אים קיין וואָרט נישט רעדן — האָט באַנציע, גלייך ווי אויף יענער וועלט, ג ע ש ו ו י ג ן פאַר שרעק! עס איז אים דאָס

האָרץ אַנטגאַנגען! ער איז זיכער, אַז דאָס מוז זיין אַ חלום, אָדער אַ פראָסטער טעות!

ער איז צו ביידע געווינט! נישט איינמאָל האָט זיך אים אויף יענער וועלט געחלומט, אַז ער קלייבט געלט אויף דער פּאָדלאָגע, גאַנצע אוצרות ליגן... און אויפגעכאַפּט האָט ער זיך נאָך אַ גרעסערער קבצן ווי נעכטן... נישט איינמאָל האָט אים עמעץ פּאַר טעות צוגעשמייכלט, אַ גוט וואָרט געזאָגט און אי- בערגעדרייט זיך און אויסגעשפּיגן...

— מײַן מזל — טראַכט ער — איז שוין אַזוי!

און ער האָט מורא די אויגן אויפצוהייבן דער חלום זאָל נישט פאַרשווינדן; ער זאָל גיך נישט אויפכאַפּן ערגעץ אין אַ הייל צווישן שלאַנגען און עקדיסן! ער האָט מורא פון מויל אַ קלאַנג אַרויסצולאָזן, מיט אַ גליד אַ ריר צו טאָן — מען זאָל אים נישט דערקענען און אַוועקשלײַדערן אויף כּף-הקל*)...

ער ציטערט און הערט נישט די מלאכימס קאָמפּלימענטן, זעט נישט זייער טאַנצן אַרום אים. ער ענטפערט נישט אַברהם-אָבינון אויפן הערלעכן „שלום-עליכם". און — געפירט צום בית-דין של מעלה — זאָגט ער אים קיין „גוט-מאָרגן" נישט...

אויסער זיך איז ער פון שרעק!

און זײַן שרעק איז נאָך גרעסער געוואָרן, אַז ער האָט, נישט ווילנדיק, דערזען די פּאָדלאָגע פון בית-דין של מעלה. סאַמע אַלבאַסטער מיט בריליאַנטן! „אויף אַזאַ פּאָדלאָגע שטייען מײַנע פיס!" — ער ווערט אינגאַנצן פאַרשטאַרט! „ווער ווייסט, וועלכן גביר, וועלכן רב, וועלכן צדיק מען מיינט... ער וועט קומען — וועט זיין מײַן פינצטערער סוף!"

פאַר שרעק האָט ער אפילו נישט געהערט, ווי דער פּרע- זעס האָט בפירוש אויסגערופן „די דיעלע פון באָנציע שווײַג!" און, דערלאַנגענדיק דעם מליץ-יושר די אַקטן, געזאָגט „לעז, נאָר בקיצור!"

מיט באָנציען דרייט זיך דער גאַנצער סאַלאָן. עס רוישט

*) כּף-הקלע.

אים אין די אויערן. אינעם געוויש הערט ער דאָך אַלע מאָל שאַרפֿער און שאַרפֿער דעם מלאך־מליצס זיס קול ווי אַ פֿידל:

— זײַן נאָמען — הערט ער — האָט אים געפּאַסט, ווי צו אַ שלאַנק לײַב אַ קלייד פֿון אַן אַרטיסט אַ שנײַדערס האַנט.

— וואָס רעדט ער? — פֿרעגט זיך באָנציע, און ער הערט ווי אַן אומגעדולדיק קול האַקט אים איבער און זאָגט:

— נאָר אָן משלים!

— ער האָט זיך קיינמאָל — הייבט ווײַטער אָן דער מליץ יושר — — אויף קיינעם נישט געקלאָגט, נישט אויף גאָט, נישט אויף לײַט; אין זײַן אויג האָט קיינמאָל נישט אויפגעפלאַמט קיין פֿונק פֿון האַס, ער האָט עס קיינמאָל נישט אויפגעהויבן מיט אַ פּרעטענזיע צום הימל.

באָנציע פֿאַרשטייט ווײַטער נישט אַ וואָרט, און דאָס האַרטע קול שלאָגט ווײַטער איבער:

— אָן רעטאָריק!

— איוב האָט נישט אויסגעהאַלטן, ער איז אומגליקלעכער געווען — —

— פֿאַקטן, טרוקענע פֿאַקטן! רופֿט נאָך אומגעדולדיקער דער פּרעזעס.

— ער האָט אַלץ געשוויגן (פֿירט ווײַטער דער מליץ יושר) אפֿילו ווען די מוטער איז געשטאָרבן און ער האָט צו דרײַצן יאָר אַ שטיפֿמאַמע באַקומען... אַ שטיפֿמאַמע אַ שלאַנג, אַ מרשעת...

— מיינט מען דאָך אפֿשר מיך?, טראַכט באָנציע.

— אָן אינסינואַציעס אויף דריטע פּערזאָנען, — באַוואָרנט זיך דער פּרעזעס.

— זי פֿלעגט אים קאַרגן דעם ביסן... אייערנעכטיק פֿאַרשימלט ברויט... האָר־פֿלאַקס פֿאַר פֿלייש... און זי האָט קאַווע מיט שמעטענע געטרונקען —

— צו דער זאַך שרײַט דער פּרעזעס.

— זי האָט אים פֿאַר דאָס קיין נעגל נישט געקאַרגט און זײַן ברוין־און בלוי־לײַב פֿלעגט אַרויסקוקן דורך אַלע לעכער פֿון זײַנע פֿאַרשימלט־צעריסענע קליידער... ווינטער אין די גרעסטע

פרעסט האָט ער איר באַרוועס אויפן הויף האָלץ געהאַקט, און די הענט זענען צו יונג און צו שוואַך געווען. די קלעצלעך צו דיק, די האַק צו שטומפּיק... נישט איינמאָל האָט ער זיך די האַנט פון די געלענקן אויסגעריסן, נישט איינמאָל האָט ער זיך די פיס אָפּ־געפרוירן, נאָר  ג ע ש ו ו י ג ן  האָט ער, אפילו זיך פאַרן פאָטער —

— פאַרן שיכור; לאַכט אַריין דער קטיגור, און באַנצי'ען ווערט קאַלט אין אַלע אברים —

— נישט געקלאָגט. ענדיקט דער מליץ יושר דעם זאַץ.

און שטענדיק עלנט — פירט ער ווייטער — קיין חבר — קיין תלמוד־תורה, קיין חדר... קיין גאַנץ בגד... קיין פרייע מינוט —

— פאַקטן — רופט ווייטער דער פרעזעס.

— ער האָט געשוויגן אפילו שפּעטער, ווען דער פאָטער האָט שיכורערהייט אַמאָל אָנגעכאַפּט ביי די האָר און אינמיטן אַ שניי־ענדיקער ווינטער־נאַכט אַרויסגעוואָרפן פון שטוב! ער האָט זיך שטיל אויפגעהויבן פון שניי און איז אַנטלאָפן, ווו די אויגן האָבן אים געטראָגן...

אויפן גאַנצן וועג האָט ער געשוויגן... ביים גרעסטן הונגער האָט ער נאָר מיט די אויגן געבעטלט!

ערשט אין אַ שווינדלדיקער, נאַסער פרילינגס־נאַכט, איז ער אין אַ גרויסער שטאָט אַריינגעקומען; ער איז אַריין ווי אַ טראָפּן אין אַ ים און דאָך האָט ער די אייגענע נאַכט אין אַרעסט פאַר־בראַכט... ער האָט געשוויגן, נישט געפרעגט פאַרוואָס, פאַר ווען? ער איז אַרויס, און די שווערסטע אַרבעט געזוכט! נאָר ער האָט געשוויגן!

שווערער פאַר דער אַרבעט איז געווען, זי צו געפינען — ער האָט געשוויגן!

באָדנדיק זיך איז קאַלטן שווייס, צוזאַמענגעדריקט אונטער דער שווערסטער לאַסט, ביים גרעסטן קראַמף אין ליידיקן מאָגן — האָט ער געשוויגן!

באַשפּריצט פון פרעמדער בלאָטע, באַשפּיגן פון פרעמדע מיילער, געיאָגט פון טראָטואַרן מיט דער שווערסטער לאַסט אַראָפּ

אין גאַס צווישן דראָזשקעס, קאַרעטן און טראַמווייס, קוקנדיק יעדע מינוט דעם טויט אין די אויגן אַרײַן — האָט ער געשוויגן!

ער האָט קיינמאָל נישט איבערגערעכנט, וויפל פוד לאַסט עס קומט אויס אויף אַ גראָשן, וויפל מאָל ער איז געפאַלן בײַ יעדן גאַנג פאַר אַ דרײַער, וויפל מאָל ער האָט שיער נישט די נשמה אויסגעשפּיגן, מאַנענדיק זײַן פאַרדינסט; ער האָט נישט גערעכנט, נישט זײַן, נישט יענעמס מזל, נאָר געשוויגן!

זײַן אייגן פאַרדינסט האָט ער אויך נישט הויך געמאָנט! ווי אַ בעטלער האָט ער זיך בײַ דער טיר געשטעלט, און אין די אויגן האָט זיך אַ הינטישע בקשה געמאָלט! „קום שפּעטער", און ער איז פאַרשווונדן שטיל ווי אַ שאָטן, כּדי שפּעטער נאָך שטילער אויסצובעטלען זײַן פאַרדינסט!

ער האָט אפילו געשוויגן, ווען מען פלעגט אים אָפּרײַסן פון זײַן פאַרדינסט אָדער אַרײַנוואַרפן אַ פאַלשע מטבע!...

ער האָט אַלץ געשוויגן...

— מיינט מען דאָך טאַקע מיך! — טרייסט זיך באָנציע.

— איינמאָל — פּירט ווײַטער דער מליץ יושר נאָך אַ טרונק וואַסער — איז אין זײַן לעבן אַן ענדערונג געשען... עס איז דורכגעפלויגן אַ קאַטש אויף גומענע רעדער מיט צעפלאָשעטע פערד... דער שמײַסער איז שוין לאַנג פונווייטנס געלעגן מיט אַ צעשפּאָלטענעם קאָפּ אויפן ברוק... פון די דערשראָקענע פערדס מײַלער שפּריצט דער שוים, פון אונטער די פּאָדקעוועס יאָגן זיך פונקען, די אויגן בלישטשען, ווי ברענענדיקע שטורקאַצן אין אַ פינצטערער נאַכט — און אין קאַטש זיצט נישט טויט נישט לעבעדיק אַ מענטש!

און באָנציע האָט די פערד פאַרהאַלטן.

און דער געראַטעוועטער איז געווען אַ ייִדי אַ בעל־צדקה און האָט באָנציען די טובה נישט פאַרגעסן!

ער האָט אים דעם געהאַרגעטנס בײַטש איבערגעגעבן! באָנציע איז אַ שמײַסער געוואָרן!

און באָנציע האָט אַלץ געשוויגן!

— מיך מיינט מען, מיך! באַפּעסטיקט זיך באָנציע אין דער דעה, און האָט דאָך נישט די העזה אַן אויג צו וואַרפן אויפן „בית־דין של מעלה"...

ער הערט זיך ווײַטער אײַן צום מלאך מליץ:

— ער האָט געשוויגן אפילו, ווען זײַן בעל־טובה האָט אין קורצן באַנקראָטירט און אים זײַן לוין נישט באַצאָלט...

ער האָט געשוויגן אפילו, ווען דאָס ווײַב איז אנטלאָפן און איבערגעלאָזט אים אַ קינד בײַ דער ברוסט...

ער האָט געשוויגן אפילו מיט פופצן יאָר שפּעטער, ווען דאָס קינד אוז אויפגעוואַקסן און געגוג שטאַרק געווען — באָנ־ציען אַרויסצוּוואַרפן פון שטוב...

— מיך מיינט מען, מיך! — פרייט זיך באָנציע.

— ער האָט אפילו געשוויגן — הייבט אָן ווייכער און טרוי־עריקער דער מלאך מליץ — ווען דער אייגענער בעל־טובה האָט זיך מיט אַלע אויסגעגלײַכט, נאָר אים קיין גראָשן שכירות נישט צוריקגעגעבן. און אַפילו דעמאָלט, ווען ער איז באָנציען (ווײַ־טער פאָרנדיק אויף אַ קאָטש מיט גומענע רעדער און פערד ווי לייבן) איבערגעפאָרן...

ער האָט אַלץ געשוויגן! ער האָט אַפילו דער פאָליצײַ נישט געזאָגט, ווער עס האָט אים צורעכט געמאַכט...

ער האָט געשוויגן אַפילו אין שפּיטאָל, וווּ מען מ ע ג שוין שרײַען!

ער האָט געשוויגן, אַפילו ווען דער דאָקטאָר האָט אָן פופצן קאָפּיקעס נישט געוואָלט צוגיין צו זײַן בעט, און דער וועכטער, אָן פינף קאָפּ. — טוישן אים די וועש!

ער האָט געשוויגן בײַם גוססן — ער האָט געשוויגן בײַם שטאַרבן...

קײַן וואָרט קעגן גאָט, קײַן וואָרט קעגן לײַט!

— דיקסי!

באַנציע הייבט אָן ווײַטער צו ציטערן אויפֿן גאַנצן לײַב. ער ווייסט, אַז נאָכן מליץ יושר גייט דער קטיגור! ווער ווייסט, וואָס דער וועט זאָגן! באַנציע אַליין האָט זײַן לעבן נישט גע־דענקט. נאָר אויף יענער וועלט האָט ער יעדע מינוט די פֿריער־דיקע פֿאַרגעסן... דער מלאך־מליץ האָט אים אַלץ דערמאָנט... ווער ווייסט, וואָס דער קטיגור וועט אים דערמאָנען!

– רבותי! הייבט אָן אַ שאַרף־שטעכעדיק־ברי̇ענדיק קול – נאָר ער האַקט אָפּ –

– רבותי, הייבט ער נאָכאַמאָל אָן, נאָר ווייכער און האַקט ווייטער אָפּ –

ענדלעך הערט זיך פֿון דעם אייגענעם האַלדז אַרויס, כמעט אַ ווייך קול:

– רבותי! ער האָט געשוויגן, וועל איך אויך שווײַגן!

עס ווערט שטיל – און פֿון פֿאָרנט הערט זיך אַ נײַע ווײ־כע ציטעריקע שטימע:

– באַנציע, מײַן קינד באַנציע! – רופֿט אים ווי אַ האַרפֿע... מײַן האַרציק קינד באַנציע!

אין באַנציען צעוויינט זיך דאָס האַרץ... ער וואָלט שוין אַצינד די אויגן געעפֿנט, נאָר זיי זענען פֿאַרפֿינצטערט פֿון טרערן... עס איז אים אַזוי זיס ווײנענדיק קיינמאָל נישט געווען...

„מײַן קינד" „מײַן באַנציע" – זײַט די מוטער איז געשטאָרבן, האָט ער אַזאַ קול אין אַזוינע ווערטער נישט געהערט.

– מײַן קינד! פֿירט ווײַטער דער אב־בית־דין – דו האָסט געליטן און געשוויגן! עס איז נישטאָ קיין גאַנץ גליד, קיין גאַנץ ביינדל אין דײַן לײַב אָן אַ וווּנד, אָן אַ בלוטיק אָרט. עס איז נישטאָ קיין איין באַהאַלטן אָרט אין דײַן נשמה, ווו עס זאָל נישט בלוטן... און דו האָסט אַלץ געשוויגן...

דאָרט האָט מען זיך נישט פֿאַרשטאַנען דערויף! דו אַליין האָסט גאָר אפֿשר נישט געוווּסט, אַז דו קענסט שרײַען און, אַז פֿון דיין געשריי קענען יריחוס מויערן ציטערן און אײַנפֿאַלן! דו אַליין האָסט פֿון דײַן פֿאַרשלאָפֿענעם כּח נישט געוווּסט...

אויף יענער וועלט האָט מען דײַן שווײַגן נישט באַלוינט,

נאָר דאָרט איז דער עולם השקר, דאָ אויפן עולם האמת וועסטו דײַן לוין באַקומען!

דיך וועט דאָס בית־דין של־מעלה נישט משפטן, דיר וועט וועט עס נישט פסקענען.

דיר וועט עס קיין חלק נישט אויס־און נישט אָפּטיילן: נעם דיר, וואָס דו ווילסט! אַלץ איז דײַן!

באַנציע הייבט דאָס ערשטע מאָל די אויגן אויף! ער ווערט ווי פאַרבלענדט פון דער ליכט פון אַלע זײַטן! אַלץ בלאַנקט, אַלץ בלשטשעט, פון אַלץ יאָגן שטראַלן: פון די ווענט, פון די כלים, פון די מלאכים, פון די דיינים! סאַמע ענגלען!

ער לאָזט די מידע אויגן אַראָפּ!

— טאַקע? פרעגט ער מסופק און פאַרשעמט.

— זיכער! ענטפערט פעסט דער אב־בית־דין! זיכער, זאָג איך דיר, אַז אַלץ איז דײַן. אַלץ אין הימל געהערט צו דיר! קלויב און נעם, וואָס דו ווילסט. דו נעמסט נאָר בײַ דיר אַליין!

— טאַקע? פרעגט באַנציע נאָכאַמאָל, נאָר שוין מיט אַ זי־כערן קול.

— טאַקע! טאַקע! טאַקע! ענטפערט מען אים פון אַלע זײַטן.

— נו, אויב אַזוי — שמייכלט באַנציע — וויל איך טאַקע אַלע טאָג אינדערפרי אַ הייסע בולקע מיט פרישער פּוטער!

דיינים און מלאכים האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ פאַרשעמט; דער קטיגור האָט זיך צעלאַכט...

## בײַם גאַס צוקאַפּנס

דער שמש פון גן־עדן — אַ ליכטיקער מלאך — אַן אָפּגלאַנץ פון זײַן ליבן נאָמענס שטראַלנדיקער גענאָד, קומט איין מאָל פאַרנאַכט פון גן־עדן אַרויס און עפנט, צערודערט און פאַר־זאָרגט, אַ פענצטערל פון הימל, בייגט אַרויס דעם שטראַלנדיקן קאָפּ, און ווענדט זיך מיט אַ טרויעריקער, ציטערדיקער שטימע צו דער אונטערגייענדיקער זון און פרעגט:

— ווייסטו נישט, זון, וואָס בײַ לייבל קאָנסקעוואָלער טוט זיך ?

די זון שווײַגט, זי ווייסט נישט.

נאָך אומרויִקער ציט דער מלאך זײַן שטראַלנדיקן קאָפּ צוריק.

און נישט אומזיסט איז אומרויִק דער מלאך.

שוין מכּמה וכּמה שנים רוישן צוויי מאָל אין טאָג אַלע זיבן הימלען מיט לייבל קאָנסקעוואָלערס „שמע ישראל"...

ווי אַ זילבערנער שרויט צעשיט זיך זײַן „אח— — —ד" צו־פוסנס בײַם כּסא הכּבוד... און עס קוילערט זיך דער „אחד" און זומט, און ברומט, און וידט, ווי אַ מחנה זומער־פייגעלעך, וואָס גלוסט און בענקט צו דער פלאַם, ווערט צוגעצויגן צו איר און בריט זיך און ברענט אין איר, מיטן גרעסטן תּענוג פון „יסורים של אהבה"...

דאָס לעצטע מאָל האָט ער אים צו שחרית געהערט.

צו מנחה האָט ער שוין געפעלט !

אין געבעט און לויב־געזאַנג פון אַלע וועלטן איז דעריבער אַ פּגימה געווען...

אין אָרקעסטער איז פּלוצלונג שטיל געוואָרן אַ כּלי ; אַ סטרונע בײַ אַן ערשטער פידל האָט געפּלאַצט און איז פאַרשטומט געוואָרן.

צי האָט לייבל קאָנסקיוואָלער פאַרגעסן צו דאַווענען מנחה ?

וועט ער זאָגן צוויי שמונה־עשרהס בײַ מעריב ?

נידעריקער לאָזט זיך דערווײַל אַראָפּ די זון. די שטיל באַ־האַלטענע שאָטנס קריגן רשות, אַרויסצוקומען פון זייערע באַ־העלטענישן, — און זיי קריכן אַרויס פון די שפּאַלטן אין די פעלזן בײַ ימים, פון גריבער און היילן אין וויסטע מדבריות, פון אונטער ביימער און צווישן צווײַגן און בלעטער אין די טיפסטע וועלדער... און זיי פאַרשפּרייטן זיך איבערן ישוב און פלעכטן זיך אַרום און אַרום...

און אָט איז אַראָפּ די זון אינגאַנצן. לבנה און שטערן

בלאַנקען שטיל־שווײַגנדיק אויף און נעמען איבער די ממשלה אי־בער דער וועלט אויף איבער נאַכט... און זיי שפּינען און וועבן ייער פאַרכּישופטע שפּינוועבס — אַ זילבער־דינע נעץ איבער דער פאַרמאַטערטער ערד...

עס דויערט נישט לאַנג, און מען הערט ווי מען קלאַפּט אונטן צו חצות...

באַלד הייבט אָן בלאַס און בלאַסער צו ווערן דער צייכ „אמונה” אויף דער זילבערנער טרעפּ. אַ דינער, רויטלעכער שטראַל וועקט זיך פון מזרח־זײַט...

דער גן־עדן־שמש וועקט זיך ווי פון אַ טיפן חלום, גייט צו און עפנט נאָכאַמאָל אַ פענצטערל אין הימל, בייגט אַרויס דעם קאָפּ און רופט, פרעגנדיק:

— לבנה אין שטערן, איידער איר פאַרשווינדט, צי קענט איר מיר נישט זאָגן, וואָס עס האָט מיט לייבל קאָנסקעוואַליער פּאַסירט?

און דעמאָלט האָט זיך גאָלדן־צעפּלאַקערט אַ קליין שטערנדל פון ווייטן, איז צוגעשווומען צום פענצטערל און האָט געענט־פערט:

— איך ווייס, ליכטיקער מלאך!

איך בין דורך קאָנסקעוואַליע געשווומען און האָב אין זײַן פענצטערל אַרײַנגעקוקט... ער שטאַרבט, לייבל קאָנסקעוואַליער... אַן אַלטער מאַן... זײַן ווײַסע באָרד איבער דער קאָלדרע בלאַנקט, ווי ריין זילבער... נאָר דאָס פּנים איז אײַנגעשרומפּן און געל... איך האָב געזען, ווי מען האָט אים אַ פעדער אונטער די נאָזלע־כער געלייגט; איך האָב אָבער נישט געזען, זי זאָל זיך רירן.

און דער מלאך, דער שמש פון גן־עדן, האָט בײַ קיינעם קיין רשות נישט גענומען, על דעת עצמו איז ער אַראָפּגעשאָסן אויף דער ערד נאָך לייבל קאָנסקעוואַליערס נשמה.

עס וועט אַן אומגעריכטע פרייד זײַן אין גן־עדן.

אַזוי האָט ער געטראַכט.

---

פלינק פליִען מלאָכים, — נאָר — די שוואַרצע ווי די ווײַסע...

און אַז דער ליכטיקער מלאָך איז אַראָפּגעקומען, האָט ער שוין געטראָפן אַ פינצטערן מלאָך ביים גוסס צוקאָפּנס...

צי איז דער פינסטערער פריער אַרויס, צי האָט ער צו אונדז אַ קירצערן וועג? ווער ווייסט?

— וואָס טוסטו דאָ? — ווונדערט זיך דער ליכטיקער מלאך, דערשראָקן. עס איז דאָך לייבל קאָנסקעוואָליער!

— איז וואָס? לאכט דער שוואַרצער, און צוויי שורות ווײַסע ציין בליצן אים אַרויס פון אויסגעקרימטן מויל...

— דאָס איז מײַן נשמה! איך בין שמש פון גן־עדן.

— זייער אָנגענעם! — מאַכט דער שוואַרצער אַ העויה — איך בין נאָר אַ לאַפּיטוט פון גיהנום, נאָר לאָמיר זען!

און ער גיט אַ שאַר מיט אַ פוס אונטערן קראַנקנס בעט, און עס רוקט זיך אַרויס אַ פאַרבונדענער זאַק.

— וואָס ליגט דאָ אין זאַק?

— טלית־ותפילין, וויל דער גוטער מלאך טרעפן.

— אונטערן בעט באַהאַלטן? עברות באַהאַלט מען!

און ער בייגט זיך אַראָפּ צום זאַק און בינדט אים אויף, און עפנט אים, און דערלאַנגט אים אַ שטויס מיטן פוס — אַ גאָלדענער גלאַנץ וואַרפט זיך איבער דער שטוב, אַ גאָלדענער קלאַנג לויפט אים נאָך: גאָלדענע רענדלעך שיטן זיך אויס...

— גנבה־געלט, גזלה־געלט! רופט אויס דער שוואַרצער מלאך. אויסגעשנאַרט בײַ נישט־קלוגע, געריבעט בײַ אַלמנות, גע־גזלט בײַ יתומים, פון צדקה־פושקעס אַרויסגענומען... מיט בלוטיקע טרערן זענען זיי געוואַשן און האַרציקע בלוט־פלעקן קלעפּן אין זיי... און זע, ווי ער וועקט זיך, אַז מען רירט זײַן גאָלד!

מיט פאַרשלאָסענע אויגן וואַרפט זיך דער גוסס...

פאַרציטערט בלײַבט דער ווײַסער מלאך און פאַרשטעלט זיך דאָס פנים מיט דער ערשטער פּאָר פליגל... דורך אַ שפּאַלט פון לאָדן רײַסט זיך אַרײַן אַ שטראַל פון דער מאָרגנדיקער זון. ער פאַלט איבערן גוססעס ברעמען — זיי ציטערן.

צום לעצטן מאָל עפנט ער האַלב די אויגן אויף:

— ווער איז דאָ? פרעגן די פאַרשעמטע, פאַרגעלטע ליפּן מיט אַ שאָרך פון אַ פאַרפוילטן בלאָט...

— איך! — ענטפערט דער שלעכטער מלאך — איך, וואָס איך בין נאָך דײַן נשמה געקומען... קום!

— וואָהין?

— אין גיהנום אַרײַן!

פאַר שרעק פאַלן דעם גוסס צוריק די אויגן צו.

— בעט, בעט גאָט! — רופט דער גוטער מלאך: — טו תשובה... עס איז נאָך צײַט... זײַ מפקיר דײַן געלד...

— שמע... הייבט דער גוסס אָן.

— ער וועט נישט מפקיר זײַן! זאָגט דער שלעכטער מלאך און לייגט זײַן שווערן, שוואַרצן פליגל איבערן גוססעס פּנים, און אונטערן פליגל ווערט דאָס קול צוזאַמען מיטן גוסס דערשטיקט.

דער ווײַסער מלאך רוקט זיך אָפּ פאַרשעמט.

---

אין אַ פינצטערער, פאַרגאָסענער האַלבער נאַכט, צווישן געריש, געשרײַ און געפּילדער אין גיהנום, שנײַדט זיך דורך אַ שאַרף־שנײַדנדיקער באַפעל:

— נחמנקע פון זבאַראַש גייט אויס... ער פלעגט זיך שנײַדן די נעגל נישט איבערגעהיפּט, אַוועקוואַרפן... נישט איין מאָל פאַרגעסן מנחה צו דאַווענען, — ווער גייט נאָך זײַן נשמה?

— איך! רופט זיך אָן אַ מלאך־חבלה.

— גרייט דערווײַל צו אַ קאָכנדיקן קעסל סמאָלע!

ער שפּרינגט אונטער און פליט אַרויס פון גיהנום...

געשווינד פליִען שלעכטע מלאכים, צום גליק אָבער גוטע אויך; די גוטע זענען אפשר ווײַטער פון אונדז, נאָר דאָס גרעסטע רחמנות טראָגט זיי...

און אַז דער מלאך־חבלה איז צום קראַנקנס בעט געקומען, האָט ער שוין צוקאָפּנס אַ ווײַסן גוטן מלאך געטראָפן. ער איז געזעסן און האָט געטרייסט:

— שרעק זיך נישט, אָרעמער מענטש, פאַרן טויט... עס איז נאָר אַ בריק, אַ קורצע גרענעץ צווישן פינצטערקייט און ליכט...

פון זאָרג און אומרו אָן איבערגאַנג צו רו און גליק...

נאָר דער קראַנקער, דאַכט זיך, הערט נישט. ער איז פאַר־טראָגן, און די פלאַמענדיקע אויגן בלאָנדזשען אַרום אויף די ווענט...

און דער שוואַרצער מלאך בלייבט שטיין ביי דער טיר און קוקט פאַרוווּנדערט...

— האָסט נישט קיין טעות, חבר? — פרעגט ער דעם ליכטיקן מלאך.

— ניין! — ענטפערט דער גוטער. איך בין געשיקט געוואָרן נאָך דער נשמה, נאָך דער ריינער באַרעמהאַרציקער נשמה; דו קענסט איבער איר קיין שליטה נישט האָבן!

— ער האָט נישט על־פּי דין די נעגל געשניטן!...

— איך ווייס, — האַקט אים איבער דער גוטער מלאך, — נאָר דערפאַר קיין איינציקע רגע פאַר זיך נישט געלעבט... נאָר פאַר שוואַכע און קראַנקע, פאַר אַלמנות און יתומים, פאַר פאַרפינצ־טערטע, פאַרוואָגלטע, פאַרמאַטערטע...

— ביי אונדז אין בוך איז פאַרשריבן, וויפל מאָל ער האָט מנחה פאַרפעלט...

— נאָר קיינמאָל נישט פאַרפעלט, ווען מען האָט געדאַרפט עמעצן העלפן, קיינמאָל נישט פאַרגעסן צו טרייסטן, צו האַרציקן און צו קרעפטיקן דאָרט, וווּ די פליגל זענען אַראָפּגעפאַלן מיד, וווּ די גאַל האָט געזאָלט די ריינסטע נשמה פאַרגיסן, וווּ די לעצטע האָפענונג, האָט זיך געדאַכט, איז פאַרשוווּנדן... ער האָט זיך קיין הויז נישט געבויט... דעם דאַך איבערן קאָפּ נישט פאַר־ריכט, זיין בעט זיך נישט ווייך געבעט. קיין ליבשאַפט ביי קיין פרוי נישט געזוכט, אויף קיין נחת פון קינדער נישט געהאָפט... נאָר אַלץ פאַר אַנדערע... ווייל אַלע אַנדערע האָט ער געהאַלטן בעסער פאַר זיך...

שוואַרצע וואָלקנס ציִען זיך אין דרויסן איבערן הימל... אויף אַ רגע שניידט זיי דורך אַ בליץ, נאָר ער ווערט פאַרלאָשן און נאָך פעסטער ציִען זיך, נאָך ענגער שליסן זיך צוזאַמען די דיקע, פינצטערע וואָלקנס.

דער בליץ האָט צום לעצטן מאָל דעם גוסס געוועקט.

— ווער איז דאָ בײַ מיר? ווער זיצט מיר צוקאָפּנס? — פרעגן די פאַרברענטע ליפּן.

— איך, איך, אַ ליכטיקער מלאך, פון זײַן ליבן נאָמענס ליכטיקער פמליא... און פון זײַן ליבן נאָמען נאָך דײַן גשמה געשיקט!... קום מיט מיר!

— וואוהין? פרעגט דער קראַנקער.

— צום הימל אַרויף, אין גן־עדן אַרײַן!

— הימל... גן־עדן... שטאַמלט נאָך דער גוסס אין היץ: און ווי אַזוי לעבט זיך דאָרט אין הימל, אין גן־עדן דאָרט?

— גוט... פון גאָטס גענאָד באַשטראַלט, אין גלאַנץ פון כּסא הכּבוד... מיט גאָלדענע קרוינען אויף די קעפּ...

— גלאַנץ... גאָלד... קרוינען... — שטאַמלט דער גוסס נאָך — וואָס וועל איך דאָרט טון?

— וועסט ניט דאַרפן טון... דאָרט איז אייביק רו, אייביק ליכטיקער נחת, אָן אויפהער שטראַלנדיק גליק... קום!

— אָבער וואָס וועל איך דאָרט טון? — דרייט זיך מיטן לעצטן כּח דער גוסס אויס צום מלאך — איז דאָרט דאָ, וועמען צו העלפן, געפאַלענע אויפצוהייבן, קראַנקע צו היילן, הונגעריקע צו זעטיקן, דאָרשטיקע די ליפּן צו נעצן, פאַרלוירענע צו זוכן און געפינען? דאָס איז דאָך מײַן גליק געווען!...

— ניין, דאָס נישט! — ענטפערט מיט אַ נישט זיכער קול דער מלאך: — דאָס איז דאָרט נישט פאַראַן, דאָרט וועט קיינער נישט דאַרפן דײַן הילף...

— און וואָס וועל איך דאָרט טון, מלאך? דאָרט, וווּ קיינער ברויך מײַן נשמה נישט, מײַן האַרץ נישט; נישט מײַן רחמנותדיקע טרער אין אויג, נישט מײַן וואָרט צו טרייסטן פון מויל, און נישט מײַן האַנט, אויפגעהויבן צו ווערן פון גרוב?

דער שלעכטער מלאך הערט און שטעקט אַרויס די צונג און באַלעקט זיך... אַ חוזק־שמייכל לייגט זיך אים איבערן מויל פון אויער צו אויער... ער עפנט דאָס מויל און צוויי שורות ווײַסע ציין בליצן אויף אין דער פינצטערער שטוב...

און צערודערט זיצט דער ליכטיקער מלאך און ווייס נישט, וואָס צו ענטפערן דעם גוסס...

— וואָס פאַרט, מלאך! וואָס פאַרט?

און דער גוטער מלאך דרייט זיך אויס צום פענצטער און קוקט אַרויס צום הימל און וואַרט פון דאָרט אַן עצה און אַ ראָט... נאָר פאַרשלאָסן איז דער הימל: אָן אַ וואָרט, אָן אַ שטראַל, אָן אַ פונק... און עס יאָגן אָן אַלץ נײַע און נײַע, אַלץ שווערערע וואָלקנס — אַ שאָטן פאַלט איבערן ליכטיקן מלאכס פנים, דער הימל זעט אויס האַרט און בייז, אָן רחמנות זעט ער אויס, ער האָט אים נאָך קיינמאָל אַזוי נישט געזען... ער בלײַבט פאַרציטערט.

מיט דער ווײַלע באַנוצט זיך דער שלעכטער מלאך און געזעגנט זיך צום בעט פון דער צווייטער זײַט.

— קום בעסער מיט מיר — רוימט ער אײַן דעם גוסס.

— וואוהין?

— דאָרט, וווּ דײַן האַרץ גלוסט... צו די אומגליקלעכע, הונגעריקע, לעכצנדיק־דאָרשטיקע... צו די פאַרחלשטע און פאַרמאַטערטע, צו די פאַרלוירענע, פאַרשאָלטענע, צו די פון גאָט פאַרגעסענע... העלפן וועסטו נישט קענען, אָבער — צוזאַמען לײַדן, מיטפילן...

— איך גיי! איך גיי! — רופט דער קראַנקער אויס מיט קראַפט — —

און דער ווײַסער מלאך איז אַוועק מיט ליידיקע הענט.

## צוויי ברידער

אויף יענער זײַט ים איז געשטאַנען אַמאָל
אויף הינערנע פיסלעך אַ הײַזל אין טאָל.
געשטאַנען זיך אײַנזאַם, אָן עזות, אָן שטאָלץ,
אָן פוצעכץ, אָן צירונג — פון ליים און פון האָלץ!
אַ פענצטער אַ פיצלס, נור חנעוודיק האָלד!
די זון, זי באַשיט עס טאָג־טעגלעך מיט גאָלד!

לבנה און שטערן
פאַרהאַלטן זיך גערן
און מאָלן מיט זילבער די שויבן.

דאָס האָט דער הימל די ליבע באַלויכט!
עס האָבן אין הײַזל צווי ברידער געוווינט!
עס האַלטן צווי הערצער צוזאַמען געטרײַ.
שווער איז די אַרבעט, נאָר ס׳אַרבעט זיך פרײַ!
ווײַס איז דאָס מעבל, מיט קלײַען דאָס ברויט,
נאָר אַלץ איז צוזאַמען—די פרייד און די נויט!
עס האָט זיך געלעבט,
די צײַט האָט געוועבט
איר לאַנגן, איר כּשרן פאָדעם!

נאָר איינמאָל באַווײַזט זיך אַ גאַסט אויף דער שוועל,
פול גינגאָלד, שמאַראַגדן, עס פונקלט זײַן פעל —
די שלאַנג איז געקומען מיט גלאַנץ און מיט פּראַכט!
דער עלטערער ברודער דערזעט זי און טראַכט:
עס איז אויף דער וועלט דאָך רײַכטום פאַראַן!
ווען איך האָב אַ שמאַראַגד, איך אָרעמער מאַן,
כ׳פאַרקויף אים, וואָס ניט?
און וואָלט אויפן יריד
געקויפט מיר צו מעלקן אַ קו!

די שלאַנגען — זיי ווייסן, וואָס ס׳טראַכט זיך בײַ לײַט;
זי ווינקט אים און רופט אים אַוועק אין אַ זײַט,
און זאָגט אים: „איי, ברודער, וואָלסט נאָר געוואָלט,
שיטסטו דיר אָן פעסער פול גאָלד,
קרעלן, דימענטן, בריליאַנטן אַ וועלט,
און אַלץ, וואָס מען קען נאָר באַקומען פאַר געלט!"
איך מאַך נישט קיין שפּאַס,
פאַראַן אַזאַ סוד,
איך קאָן אים דיר זאָגן אין וואַלד!

די שלאַנג איז אַוועק, און דער ייִנגערער קלערט:
ווי גאָט האָט זיך יעדן זײַן שיינקייט באַשערט.
גיי פרעגן: דער גלאַנץ און די שיינקייט וואָס טויג?
די ליַידנשאַפט, זי פלאַמט שוין אין עלטערנס אויג:
קרעלן, דיאַמענטן, בריליאַנטן, — אַך, גאָט!
זי זאָל נאָר נישט נאַרן און זאָגן דעם סוד!
קוקט ער צום וואַלד,
און גנבעט זיך באַלד
פון ב ר ו ד ע ר אַרויס צו דער ש ל אַ נ ג!

די זון גייט שוין אונטער, פאַרגאָלדט נאָך די זוים
פון וואָלקן און הימל; און אונטער אַ בוים
ז״צן שוין ביידע — דער מענטש און די שלאַנג;
זיי זיצן צוזאַמען און שמועסן שוין לאַנג.
ער ציטערט און ווייסט נישט — פאַר פרייד צי פאַר שרעק?
זי וויקלט דאָס האַרץ אים אַרום מיטן עק.
און רעדט פון דיאַמענטן,
קרעלן, בריליאַנטן:
„אַלץ וועסטו האָבן גאָר גרינג!״

„באַטראַכט נאָר דײַן ברודער, דאָס איז אַ פאַבריק
פון קרעלן, בריליאַנטן, דיאַמענטן און גליק!
עס טרעפט זיך, ער אַרבעט, און וווּנדערלעך הייס
ווערט אים, דער שטערן באַדעקט זיך מיט שווייס.
עס טריפן די טראָפּן!... ער ווישט מיט דער האַנט —
לאָז נישט! דער טראָפּן דאָס איז אַ דיאַמאַנט!
נאָר אַרבעטן הייס!
קלויב אויף דעם שווייס!
שיטסטו אָן פעסער דיאַמענטן!

„עס טרעפט און אים פאַלט פון די ברעמען אַ טרער
מיינסטו, די נאַר, עס איז וואַסער נישט מער,
און טרייסטן, און האַלדזן, דו האַלטסט עס נישט אויס.

און קושסט אים די טרערן פון די אויגן אַרויס!
פאַרשווענדסט דײַן פאַרמעגן, דו נאַרישער קאָפּ!
לאָז וויינען, לאָז טריפן! און קלויב יעדן טראָפּ!
אַ טרער, האָב פאַרשטאַנד,
דאָס איז אַ בריליאַנט, —
רײַך וועסט דו זײַן ווי אַ קיניג!

„דערנאָך — האָט דײַן ברודער אַן אײדעלע פעל,
אַ שטאָך מיט אַ נאָדל — דו האָסט שוין אַ קרעל!
בלוט — זאָגסטו — איז עס, בלוט — זאָגסטו — אַ קאָפּ?
דו נאַר! עס איז קרעלן, דו צאַפּ נאָר און צאַפּ!
זאָל ער נאָר בלוטן און בלוטן נישט קאַרג!
אָנשיטן וועסטו שוין קרעלן אַ באַרג!
די האָסט אַ פאַבריק,
און מאַך דיר דײַן גליק,
ביסט שטאַרקער און ווייסט שוין דעם סוד!"

די ליפּן פאַרביסן, די פויסטן געבײַלט,
גייט שוין דער עלטערער ברודער פון וואַלד,
די אויגן, זיי ברענען און זומען זיך שוואַרץ.
דאָך צאַפּלט די ליבע צום ברודער אין האַרץ,
ער טרייסט זיך: „איך וועל דאָך מאַכן אַ פּרוּוו,
אַ שטאָך וועל איך געבן אַ קליינעם, נישט טיף;
מײַן ברודער? איך ווייס!
נאָר טרערן און שווייס,
זענען בריליאַנטן, בריליאַנטן!"

---

עס הערט די לבֿנה נאָך די אייגענע נאַכט,
ווי ס'האָט אינעם שטיבל געוויינט און געלאַכט.
עס קוקן די שטערן אין די פענצטער אַרײַן:
ווי לאַכט עס אַ ברודער בײַ ברודערס געוויין?!
די זון האָט צומאָרגנס געוווּנדערט זיך שטאַרק:

ווי שלאָגט עס אַ ברודער דעם צווייטן אין קאַרק?
עס וווּנדערס צוגלייך
דעם וואַלד און דעם טײַך:
וואָס איז עס אין שטיבל געשען?

# די פרומע קאַץ

דרײַ זינג-פייגעלעך זענען געווען אין איין שטוב, און אַלע דרײַ, איינס נאָכן צווייטן — האָט די קאַץ צורעכטגעמאַכט...

עס איז קיין איינפאַכע קאַץ נישט געווען, נאָר אַן אמת, אמת פרומע נשמה, וואָס האָט נישט אומזיסט געטראָגן די ווײַסע גוט-יידישע יופּע און געהאַט אייגעלעך, אין וועלכע דער הימל האָט זיך געשפּיגלט...

עס איז אַ פרומע קאַץ, אַ טבילה-קאַץ געווען! צען מאָל אין טאָג האָט זי זיך געוואַשן, און געגעסן האָט זי שטיל, ערגעץ אין אַ זײַט, אין אַ ווינקעלע...

אַ גאַנצן טאָג האָט זי געכאַפּט וואָס עס איז מילכיקס, און ערשט אַז די נאַכט איז צוגעפאַלן, האָט זי געגעסן פלייש, כשר מויזן-פלייש...

און נישט געאײַלט זיך צו דער אכילה, ווי אַ גראָבע זאַך. נישט געכאַפּט און געשלונגען, ווי פּרעסער טוען; נאָר בנעימות, שפּילנדיק... זאָל דאָס מײַזל לעבן נאָך אַ רגע, נאָך אַ רגע... זאָל עס אַביסל אַרומטאַנצן, אָפּציטערן, ווידוי זאָגן, — אַ פרומע קאַץ כאַפּט נישט...

אַז מען האָט אין שטוב אַרײַן דעם ערשטן זינג-פויגל געבראַכט, האָט זי אויף אים באַלד רחמנות באַקומען; עס האָט זי בײַם האַרץ אָנגעכאַפּט.

— אַזאַ שיינס — זיפצט זי — אַזאַ קליינס, אַזאַ מחיהדיק פייגעלע זאָל קיין עולם הבא נישט האָבן!

— און עס קען קיין עולם הבא נישט האָבן! — איז זיכער די קאַץ.

ערשטנס, וואַשט זיך עס דײַטשמעריש, מיטן גאַנצן לײַב אין שיסעלע וואַסער...

צווייטנס, אַז מען האָט עס אײַנגעזעצט אין שטײַג, איז עס שוין אַ חיה רעה — כאָטש אַ יינג, זיס און פיין זינג־פייגעלע האַלט עס שוין מער פון דינאַמיט, ווי פון שולחן־ערוך!

הײַנט דאָס זינגען אַליין! דאָס אויסגעלאַסענע זינגען, דאָס קוקן גלײַך אָן אַ שום דרך־ארץ אין הימל אַרײַן! דאָס רײַסן זיך אַרויס פון שטײַג צו דער זינדיקער וועלט, צו דער פרײַער לופט, צום אָפענעם פענצטער...

צי איז נאָך אַמאָל אַ קאַץ אין אַ שטײַג געזעסן? צי האָט נאָך אַמאָל אַ פרומע קאַץ אַזוי געפיפן, אַזוי זמרי־בן־סלואדיק געפיפן?

— און אַ שאָד! ווייַנט דאָס פרומע האַרץ אין דער פרומער קאַץ, — עס איז דאָך אַ לעבעדיקע זאַך, אַ טײַערע נשמה, אַ פונק פון דער הייך!

— און דאָס גאַנצע אומגליק איז, וואָס דער זינדיקער גוף איז אַזוי שיין, דער עולם־הזה דעריבער — אַזוי גלוסטיק, דער יצר־הרע אַזוי שטאַרק...

ווי קען אַזאַ קליין זיס פייגעלע זיך אַנטקעגן שטעלן דעם שרעקלעכן גרויסן יצר־הרע?

און וואָס מער עס לעבט, אַלץ מער זינדיקט עס, גרעסער וועט זײַן די שטראָף..

האַ!

און אַ היילִיק פײַער האָט זיך אָנגעצונדן אין דער קאַץ, דאָס פײַער פון פנחס בן אלעזר בן אהרן הכהן... און זי איז אַרויפגעשפרונגען אויפן טיש, וווּ די שטײַג מיטן זינג־פייגעלע איז געשטאַנען און —

עס פליִען שוין פעדערן אין צימער...

מען האָט די קאַץ געשלאָגן... די שלעג נעמט זי אָן פאַר ליב... זי האָט פרום אָפּגעקרעכצט, אָפּגעמיאַוטשעט אַ יאָמערלעכן על חטא...

מער וועט זי שוין נישט זינדיקן...

די קלוגע קאַץ פאַרשטייט פאַר וואָס מען האָט זי גע־שלאָגן, מער וועט זי אויף קי־זלעג נישט פאַרדינען...

מען האָט זי געשלאָגן פאַרשטייט די קאַץ — דערפאַר ווייל זי האָט פאַרפעדערט די שטוב, ווייל אויפן ווייסן גע־שטיקטן טישטעך זענען געבליבן פלעקן פון בלוט...

און — אַז מען האָט דעם צווייטן זינג־פויגל געקויפט און אין שטוב בעלאָזט, האָט זי אים שוין שטיל און פיין דערוואָרגן און מיט די פעדערן צוזאַמען איינגעשלונגען...

מען האָט די קאַץ געשמיסן...

אַצינד האָט ערשט די קאַץ פאַרשטאַנען, אַז נישט וועגן פעדערן גייט עס, נישט וועגן פלעקן פון בלוט אויפן טישטעך...

דער סוד איז, אַז מען טאָר נישט טויטן אַז מען דאַרף ליב האָבן, מוחל זיין, אַז נישט מיט ארבע מיתות בית־דין פאַרבעסערט מען די זינדיקע וועלט!

מען דאַרף מחזיר למוטב זיין, מוסר זאָגן, צום האַרץ רעדן! אַ קאַנאַרעק אַ בעל־תשובה קען קומען צו אַזאַ מדרגה, צו וועלכער די פרומסטע קאַץ וועט נישט דערגרייכן!

און די קאַץ דערפילט. ווי עס וואַקסט אין איר דאָס האַרץ פאַר פרייד! אויס אַלטע, שלעכטע און האַרטע צייטן! אויס בלוט פאַרגיסן!

רחמנות, רחמנות, און נאָך אַמאָל רחמנות...

און מיט רחמנות איז זי צוגעגאַנגען צום דריטן קאַנאַריעק!

— שרעק דיך נישט — מאַכט זי מיט דער ווייכסטער שטי־מע, וואָס איז אַמאָל אַרויס פון אַ קאַצישן האַלדז, — זינדיק ביסטו, נאָר איך וועל דיר קיין שלעכטס נישט טאָן, ווייל איך האָב רחמנות אויף דיר!

איך וועל דיר אפילו די שטייג נישט עפענען. איך וועל דיך אפילו נישט אָנרירן!

דו שווייגסט? — זייער גוט! איידער פרעכע לידער צו זינגען, איז גלייכער צו שווייגן!

דו צאַפּלסט ? — נאָך בעסער! צאַפּל, צאַפּל, מײַן קינד, נאָר נישט פאַר מיר, פאַרן בורא עולם צאַפּל, פאַר זײַן ליבן נאָמען! הלואי זאָלסט דו שוין אַזוי בלײַבן — שטיל, ריין און צאַפּלדיק...

איך װעל דיר העלפן צאַפּלען! פון מײַן פרומער נשמה װעל איך הויכן אויף דיר שטילקייט, זיסקייט און פרומקייט... מיט מײַן הויך זאָל אַרײַן אמונה אין דײַן לײַב, יראת שמים אין דײַנע ביינדעלעך, תשובה און חרטה אין דײַן הערצעלע!

אין די קאָץ פּילט ערשט, װי גוט עס איז מוחל צו זײַן, װי אַ פרייד עס איז יענעם אַרײַנצובלאָזן מיטן הויך פרומקייט און ערלעכקייט...

און עס װאַקסט דאָס פרומסטע האַרץ אין דער פרומסטער װײַסער קאָץ —

נאָר דער קאַנאַרעק קען אין דער קאַצן-לופט נישט אָטעמען — עס האָט אים דערשטיקט!

# שלום

פאַר שלום האָב איך מורא! פאַר שטילקייט ציטער איך אימת-מות!

שלום איז צװישן גנבים, װען זיי גרייטן זיך צו דער פינגער-מלאכה. זיי מאַכן שלום מיט דער פינצטערער נאַכט, און צינדן קיין שװעבעלע נישט אָן.

שלום מאַכן זיי מיט יעדן װאָלקן, װאָס ציט זיך איבער דער לבנה.

שלום מאַכן זיי אפילו מיטן בריטאָן אויפן הויף און װאַרפן אים אַ שטיק „לא-יחרץ"-פלייש, צו פאַרשטאָפּן אים דאָס מויל...

נאָר פרוװ און װיל שטילערהייט און בשלום פאַריאָגן די אומגעבעטענע געסט ? מוזסטו ליכט אָנצינדן, הויז-לײַט װעקן, קולות מאַכן.

שלום און שטיל איז אויפן בית-הקברות... אָן גערויש

פרעסן זיך די ווערעם אַרײַן אין די מתימס לײַבער; שטיל האַלדזט אַרום דער מאָך די אַלטע מצבה און ציט זי אין דער ערד אַרײַן; שטיל רוישט דאָס אָרעמע ביימל, וואָס ציט אַרײַן אין זיך דעם קברים-זאַפט... נאָר פּרווו גיב תּחית-המתים!... מוזסטו פריער בלאָזן אויפן שופר של משיח!

שטיל איז נאַכט און טויט...

שלום איז מיילמאָל אַ שטאַרקער יצר-הרע. דאָס איז אַ וואַרעמע שטוב, אַ ווייכער פאָטעל, גערוימע פאַנטאָפל און אַ זײַדענע שלאָף-מיץ. נאָר דאָס אַלץ צו באַקומען, טאָר מען נישט גיין מיטן גלײַכן וועג, און עס דאַכט זיך — גאָר נישט: צי בין איך דען מחויב צו זאָגן דעם אמת? דערנאָך: וואָס שאַדט אַ שקרל מפּני דרכי שלום? און אויב אַ גרעסערס, נאָר אַזאַ געלאַסנס, אַ חנעוודיקס? מענטשן האָבן עס אַזוי ליב, די אָרעמע אומגליקלעכע מענטשן.. און אַזוי פאַלט מען אַלץ נידעריקער און נידעריקער, ביז מען דריקט די פאַרדאָרבנסטע האַנט, מען קושט דאָס גרעסטע לעסטער-מויל און מען מאַכט שותּפות מיטן גרעסטן באַנדיט...

אָ, ניין! שלום איז אַ שרעקלעכע זאַך... שלום איז דער שקר אַליין.

ניין, איך וויל אויף שלום נישט בעטן!

# די ירושה

מען האָט צו וויסן געטון דעם גערטנער, אַז די שענסטע, די ווײַסעסטע לילי, וואָס ער האָט געפלאַנצט און דערצויגן, די שענסטע פון זײַן גאָרטן, זײַן שטאָלץ און זײַן פרייד, איז איבער נאַכט פאַרשוווּנדן —

דורכגעפלויגן איז אַ ווינט און האָט זי אַרויסגעוואָרצלט, מיטגעריסן, אַוועקגעטראָגן, און אין ווילדן טרײַב געוויס ערגעץ אויפן וועג פאַרלוירן — —

עס האָט אים וויי געטון, דעם גערטנער.

עס איז זײַן ליבסטע בלום געװעזן — זײַן שטאָלץ, זײַן טרײסט ; האָט אים װי געטון דאָס האַרץ.

בײַם ברעג פֿון ים ליגט אַ שיפֿער און שלאָפֿט... ער האָט זיך אין מילדן אָװנט געלײגט... אויף דער קײט האָט זיך שטיל זײַן שיפֿל געװיגט, און שטילע זיסע חלומות האָבן אײַנגעװיגט, דעם שיפֿערס האַרץ־רײַסנדיקע בענקשאַפֿט...

אַריבער װעט די נאַכט... אָנהײבן בליִען װעט דער טאָג... אויף די װעלן־רוקן װעקן זיך גלאַנצן, אָפּגלאַנצן פֿון מאָרגן־רויט אין מזרח — באַפֿרײַען װעט ער דאָס שיפֿל ! און פֿון נאַכט און פֿינצטערקײט דערלײזט, װעט ער אַרײַנשפּרינגען מיט לוסטיקער קראַפֿט. רודערן — די רעשטלעך שאָטן און שלאָף פֿון די װעלן־רוקן פֿאַריאָגן : פּערל װעלן אויפֿשװימען און אַרומרינגלען זײַן שיפֿל —

העי ! העי ! אין דער װײַט, אין דער ברײט — איבער װעלן, איבער גלאַנצן, העט ! העט ! צו נײַע ברעגן, צו נײַע װעלטן— —

און עמעץ גײט דורך, רירט'ם אָן בײַם אקסל :

— שיפֿער — דיר חלומס, און דער װינט האָט זײַנס געטון : ער האָט אָפּגעריסן די קײט ! די צאָרניק אויפֿגעבראַוזטע פֿאַליע האָט דײַן שיפֿל פֿאַרכאַפּט און פֿאַרטראָגן — און דער הימל, דער הימל צאָרנט, און דער ים צערודערט זיך : רוק דיך אָפּ פֿון ברעג —

דער שיפֿער דערװאַכט.

און זײַן האַרץ־װי דערװאַכט און זײַן אײביקע בענקשאַפֿט...

די זון גײט אונטער, און דער פֿאַסטוך אין װאַלד קאָן זיך זײַנע שאָף נישט דערצײלן: אײנס פֿעלט, אײנס האָט זיך פֿאַרבלאָנדזשעט, אײנס — דאָס װײַסעסטע, דאָס ייִנגסטע אין דאָס בעסטע...

ער רופֿט עס מיט די ליבסטע נעמען, מיט אַן אומרויִקער פֿאַרבענקטער שטימע. פֿיר־פֿאַכיק װאַרפֿט אים דער װאַלד זײַן שטימע צוריק — דאָס שעפֿל ענטפֿערט נישט, פֿון אים קײן קלאַנג...

און די זון זינקט אַלץ טיפֿער און טיפֿער, דיקער און די־

קער לייגן זיך די שאָטנס, אין נעפּל פאַרוויקלען זיך דיביימער.
גע‍שווינד טרייבט ער אַהיים די הערט, פאַרשפּאַרט זי, און כאַפּט אַ לאַמטערן, צינדט אָן, און לויפט מיט האַרץ־קלאַפּעניש צוריק אין וואַלד אַריין, זוכן זיין געליבט שעפּעלע, דאָס ווייסעס־טע, דאָס בעסטע, דאָס יינגסטע — —

קומט ער אין וואַלד אַריין, ציטעריק־שטראַלנדיק איז דאָס שוואַכע פלעמל, און פלוצלונג וועקט זיך דער ווינט, גיט אַ יאָג און לעשט דאָס איינציקע ליכטל אויס — —

אין פינצטערניש און שרעק פאַרזונקען בלייבט דער פּאַס־טוך אין וואַלד.

און דעם גלויביקן איז מען געקומען אָנזאָגן:
— אַ דונער האָט אַריינגעשלאָגן אין דיין הייליקייט... דיין גאָט, אָן וועלכן דיין נשמה האָט געהאָנגען, צו וועלכן דיין האַרץ האָט געבענקט, דיין איינציקע האָפענונג און רעטונג — דיין גאָט איז אַראָפּגעפאַלן און האָט געפּלאַצט, און איז צעשטויבט געוואָרן... און אַ ווינט האָט זיך אויפגעהויבן און זיין שטויב אויפגעכאַפּט און צעשפּרייט און צעזייט...

---

און איך בין דער גילגול פון די אַלע...
איך האָב געירשנט די ווייטיקן פון גערטנער, פון שיפער, פון פּאַסטוך, פון גלייביקן — דאָס אַלץ צעזעצט מיר די ברוסט.



# שווערערע העברעישע אויסדרוקן:

אימת מות — שרעק פארן טויט.

אב בית דין — פאָרזיצער פון געריכט.

אם ירצה השם — אויב גאָט וועט וועלן.

ארבע מיתות בית-דין — פיר געריכטלעכע טויט-אורטיילן.

בית דין של מעלה — הימלישער געריכט.

חצות — האַלבע נאַכט.

יסורים של אהבה — יסורים פון ליבשאַפט.

יראת שמים — גאָט-פאָרכטיקייט.

כף הקלע — דאָס געשלײַדערט ווערן פון א זינדיקער נשמה נאָכן טויט פון איין עק וועלט צום אנ-דער

מחזיר למוטב זײַן — אומקערן אויפן גוטן וועג.

כמה וכמה שנים — פון זינט א סאך יאָרן.

מלאך חבלה — שלעכטער מלאך.

מליץ יושר — פאַרטיידיקער.

מפני דרכי שלום — צוליב שלום וועגן.

נפטר געוואָרן — געשטאָרבן.

נתבקש געוואָרן בישיבה של מעלה — אַרויפגענומען געוואָרן צו דער הימלישער זיצונג (געשטאָרבן)

עולם השקר — וועלט פון ליגנס.

עולם האמת — וועלט פון אמת.

על דעת עצמו — אויף אייגענעם באַראַט.

פגימה — פעלער.

קטיגור — באַשולדיקער

# אינהאלט:


יצחק לייבוש פרץ (ביאָגראַפיע) . . . . . . . . . זייט 3
ווייסע, ברוינע... . . . . . . . . . . . . . . 12 „
די לבנה פאַרצייילט . . . . . . . . . . . . . 13 „
דער תענית . . . . . . . . . . . . . . . 15 „
וואָס טראַכטן און קלערן? . . . . . . . . . . . . 18 „
באָנציע שווייַג . . . . . . . . . . . . . . 20 „
בײַם גוסס צוקאָפּנס . . . . . . . . . . . . 29 „
צוויי ברידער . . . . . . . . . . . . . . 36 „
די פרומע קאַץ . . . . . . . . . . . . . . 40 „
שלום . . . . . . . . . . . . . . . . 43 „
די ירושה . . . . . . . . . . . . . . . 44 „
שווערערע העברעיִשע ווערטער . . . . . . . . . . 47 „

# I. L. PEREC

Dodatek bezpłatny do Nr. 5 Dwutygodnika
„K I N D E R - F R A J N D"
M A J 1 9 3 5

Adres redakcji i administracji: Warszawa 1, Miła 33 m. 24

## לייענער! ס פריינד!

פאַרלאַג „קינדער-פריינד" איז דיין פאַרלאַג!
די ביכלעך פון „קינדער-פריינד" וועלן זיין בעסטער פריינד;
באַקום זיך מיט די אויסגאַבעס פון „קינדער-פריינד";
אַבאָנירט, קויפט און פאַרשפּרייט זיי צווישן דיינע באַקאַנטע!

### שוין דערשינען:

**ביבליאָטעק „א"**

ס. טרעטיאַקאָוו
**אַ כינעזיש ייִנגל**

ר. ב.
**אינדערלויפט צום פּאָלוס**

ע. קעסטנער
**עמיל און די דעטעקטיוון**

**ביבליאָטעק „ב"**

1. נאָענט פון ווייטנס
2. די פּאָסט
3. ווער לויפט גיכער?
4. דערציילונגען
5. טייבעלעך

אַלע ביכלעך אילוסטרירט

נאָרמאַלע אָפּצאָל- ביבליאָטעק „א" 60 גר. א באַנאַט [illegible] 2.25 [illegible]
מעגלעכ באַדינג: ביבליאָטעק „ב" 35 גר. [illegible] 1.30
[illegible] 60 גר. [illegible] 3.30
[illegible] 35 [illegible] 1.20 [illegible]

אַדרעס פאַר געלט [illegible]: Przekaz Rozrachunkowy
„Kinder-Frajnd", Warszawa, Kartoteka 662.

[illegible]

אַדרעס פאַר בריוו: „Kinder-Frajnd", Warszawa 1, Miła 33 m. 24